# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Kheshbn No. 15-16 - October 1958 - Journal

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/1d5783s3

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 15-16(1)

### Publication Date

1958

### Copyright Information

Copyright 1958 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

## טאָפּל 15-16 נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד

אַרויסגעגעבן פון

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

תשרי, תשי"ט — אָקטאָבער, 1958

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

111

# "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

●

רעדאַקציע־ראַט:

ווילִיאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

●

מיט רעדאַקצטאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, California

מכוח אַבאָנירן, אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנעמענט, ווענדעט זיך צו אונדזער סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY

1312 Lyman Pl., Los Angeles 27 California

# אינהאַלט:


רעד.: ה. רויזענבלאַט (צווייטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ז"ל) 4

ה. רויזענבלאַט „פאַר איין גערעטן ליד" 5

חיים גראַדע: ה. רויזענבלאַט (צום צווייטן יאָרצייט — עסיי) 7

מלך ראַוויטש: חיים גראַדע, אַן אינטימער פען־פּראָפיל (פון דער סעריע; מיין לעקסיקאָן") 10

רעד. — ברוך הבאָ, מלך ראַוויטש! (צו זיין באַזוך אין לאָס אַנגעלעס) 14

וו. נאַטאַנסאָן: נח גאָלדבערגס בוך „אויף צעוואָרפענע וועגן" (רעצענזיע) 17

מלכה חפץ־טוזמאַן: „פּיצל" (פּאָעמע) 22

אבא קליגער: „אַ ליכט אין די ספערן" (ליד) 25

מ. פּערעלמוטער: „אַלטער וויין אין אַ נייעם קרוג" (רעצענזיע) 26

נח גאָלדבערג: „אַ פאַרשעמטע מטבעה" (דערציילונג) 30

אברהם לעוו: „באַנאַכט האָב איך אַ ליד אַזאַ פאַרטראַכט" (ליד) 39

ברכה קודלי: „שטיל לעבן פון וואן גאָג" (ליד) 40

י. פרידלאַנד: „זיידל באַיאָן" (דערציילונג) 41

ז. בונין: „ביינקשאַפט" (ליד) 46

אפרים טויבנהויז: „פּראָפ. מאַרטין בובער — זיין וועג צו חסידות" 47

פּינטשע בערמאַן: „מיין ליד" (ליד) 51

ד"ר ח. מ. ראָטבלאַט: „די יידן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס עפּאָכע" 52

יצחק ניומאַן: דער ספר קהלת (לכבוד ראָש השנה) 55

סאָלאָמאָן קאהאן: „אימפּרעסיע" 59

י. פ.: „טראַכטנדיק אין דער הויך" 59

רעד.: „וואָס דאַרפן מיר אַזש פאָרן קיין לאָנדאָן?" 51

א. כראַבאָלאָווסקי: צווישן צייטונגען און זשורנאַלן 62

א. באַביטש: „פעדער שפּריצן" 66

בען צוקערמאַן: „דער איבערברוך אין אַמעריקאַנער יידישקייט" 68

ליטעראַרישע נאָטיצן 71

דערהאַלטענע ביכער 73

32 יאָר ל. א. יידישער קולטור קלוב 75

אָפּרופן אין דער פּרעסע וועגן ל. א. יידישן קולטור קלוב 77

רשימה פון ליטעראַרישע שבת־צו־נאַכטן 78

יעקב ניומאַן, פּראָגראַם דירעקטאָר פון קולטור קלוב: צילן פון אונדזערע שבת־צו־נאַכטן 83

נ. אזאָלין: מיין סוד פון דער ביבליאָטעק 85

פייערלעכער אָוונט לכבוד מ. ל. קאָפּעלאָף, פאַרדינסטפולער סעקרעטאַר פון קולטור קלוב 87

באַגריסונגען; נעקראָלאָגען 95



# צווייטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ז״ל

צוויי יאָר זינט ס׳איז נפטר געוואָרן אונדזער אַלעמענס באַליבטער דיכטער און חשוב׳ער חבר ה. רויזענבלאַט. דער יידיש־יידישער סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס און אַלע קולטור אָרגאַניזאַציעס ביי וועלכע ער איז געווען זייער באַליבט און פאַרערט, פילן ערשט איצט, ווי גרויס די אבידה אונזערע איז מיט רויזענבלאַטס ניט זיין מער צווישן אונדז. ס׳איז באמת געווען אונדזער יחוס און כבוד וואָס רויזענבלאַט האָט געלעבט און געווירקט אין אונדזער סביבה. ניט נאָר איז ער געווען דער דעקאַן פון די היגע יידישע שרייבער, צו וועלכע מע האָט תמיד אַרויפגעקוקט מיט גרויס יראת הכבוד נייערט ער איז אויך געווען אן עכטער ליבער חבר, אן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער און אן ערנסטער קולטור עסקן.

צווישן רויזענבלאַט דעם גרויסן קינסטלער און דעם יידישן פאָלקס־מענטש — דעם לייענער איז נישט געווען קיין ווייטע דיסטאַנץ. און טאַקע פאַר זיין פשטות און חברשאַפט איז ער תמיד אויפגענומען געוואָרן מיט אַזויפיל וואַרעמ־קייט און האַרציקער פרייד. רויזענבלאַט איז געווען געבענטשט ניט נאָר מיט

זיין גרויסן טאַלאַנט, נייערט אויך מיט דער געטלעכער מתנה פון אַ סך וואַרעמ־קייט, וואָס פלעגט זיך מאַגנעטיש איבערטראָגן צו זיינע מיטמענטשן און פריינט: מיט זיין היימישער און חברשער מיטבאַטייליקונג אין אַלע אונדזערע קולטור מסיבות, האָט ער תמיד אַריינגעבראַכט א סך דערהייבנקייט, חשיבות און יום טובדיקייט.

דער צווייטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ע״ה איז מיט גרויס יראת הכבוד דערמאָנט געוואָרן ביי דעם הזכרה אָוונט אין יידישן קולטור קלוב, שבת דעם 31טן מאַי ה״ר. מיט אָפּשאַצונגען פון ה. רויזענבלאַטס דיכטונג און זיין חשוב׳ן אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען אין אונדזער היגן יידישן קולטור לעבן זיינען אויפגעטראָטן: די קאָלעגן מלכה חפץ־טוזמאַן, פּינטשע בערמאַן און י. פרידלאַנד. מיט פאָרלייענונגען פון רויזענבלאַט׳ס לידער: די וואָרט־קינסטלער יעקב ביומאַן און לאה וואַנדאָרף.

ביי דעם הזכרה אָוונט איז אָפּיציעל געעפנט געוואָרן, אין דער ביבליאָטעק פון יידישן קולטור קלוב, ווי אַן אָנדעק־מאָנומענט, א ה. רויזענבלאַט ביכער אָפּטיילונג.

כבוד זיין הייליקן אָנדענק. רעד.

ה. רויזענבלאַט

## פאַר איין געראָטן ליד

נאָך וואָכן לאַנג צוריק ביי גאָט
אַ שיינעם היינט באַשטעלט:
דען כ׳האָב פאַרבעטן, ווי אַ גאַסט,
צו זיך אַ היים די וועלט.

עס איז מיר פּשוט פאַרקרע שווין!
ביז וואַנען איז דער שיעור?
צו זיין דער אורח ביי איר טיש,
דער אָרעמאַן ביים טיר?

ס׳איז וואָר: די וועלט איז זייער אַלט,
און מחמת דעם — שווין מיד.
דאָך א י נ מ א ל מעג זי כאַטשע זען
וואו ס׳וואוינט דער ייד פון ליד?

איך האָב מיין שטיבל אויפגעראמט,
און אויפן טיש פאַרשפּריים
אַ טישטעך, קלאָר, ווי שניי אין שבט,
און כיבוד צוגעגרייט . . .

ס'איז וואָר: מיין שטוב איז קליין און ענג,
איז וואָס זשע מאַכט עס אוים?
די אַלטע וועלט איז היינט שוין אויך
ניט מי-יודע גרוים!

דער כלל? — די עלטער טוט זיך אירם:
שרומפּט איין, צעקנייטשט, פאַרדרייט.
בלייבט שטיין — אַ דאָרן אויף אַ שטיין,
פון ווינטער ווייס פאַרשנייט . . .

איך ווייס, ס'איז וואָר: די וועלט איז אַלט.
איז ז י י ע ר אַלט! און איך? —
שנייד סתם קופּאָנעם מיר פון לוח,
לויב גאָט . . . און — עלטער זיך!

מיט עלטער שעמען זיך . . . ז'ניט שייך!
ס'איז מער ניט אַ פאַרדראָס!
נאָר גלאַט באַרימען זיך דערמיט,
איז אויך נישטאָ מיט וואָס . . .

סא כלל! פון גאווה ווערט מען קליין.
מיט כבוד, — וואַקסט מען ניט.
צי דאַרף דער אַלטער עפּלבוים
זיך גרויסן, אַז ער בליט?

דער פרילינג פרילינגט דאָך פאַר מיר.
ווי פאַר דעם עפּלבוים.
אינאיינעם שפּינען מיר, בשעת
עס שנייט, דעם ווייסן טרוים . . .

די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט.
עס דעמערט און עס טאָגט.
לויט מידקייט האָב איך דאַכט זיך מיר.
די וועלט שוין אָנגעיאָגט . . .

די זון פאַרגייט, די זון גייט אויף
איך זיין געשפּאַנט און וואַרט;
דער טאָג, דער שיינער, דעמערט שוין.
דער גאַסט האָט אָפּגעגאַרט.

נו... מילא! וואָס זשע דמיון איך?
אַ נאַרישער יאַריד!
איך שיינק די ש״י-עולמות דיר
פאַר איין געראָטן ליד!

---

חיים גראַדע

# ה. רויזענבלאַט

(צו זיין צווייטן יאָרצייט)

דער דיכטער ה. רויזענבלאַט האָט זיך באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ער איז געווען שעפעריש איבער אַ יובל יאָרן.

ווען מען איז דיכטעריש יונג זעט מען די וועלט פאַרטיילט אין גרויסע און קליינע זאַכן. אָבער רויזענבלאַט איז דערגאַנגען צו יענער געבענטשטער רייפקייט ווען דאָס לעבן ווערט אַן אַנטפּלעקטער סוד און דאָס קליינע פּונקט ווי דאָס גרויסע איז איינגעוועבט אינאיינעם אין וועלט-בילד. דעם דיכטער האָט באַהערשט אַ געפיל פון חדווה אָנצוקוקן די וועלט און זען, אַז די גרויסקייט פון אַ זאַך באַשטימט ניט איר ווערט, נאָר איר שלמות און איר זיין אויפן פּלאַץ וואו זי באַדאַרף זיין. דער דיכטער האָט באַמערקט דאָס ניט באַמערקטע. ער האָט געזען די קלענסטע עקזיסטענץ און די נויטיקייט פון איר אָנטייל אין דער גאַנצקייט פון לעבן.

צו דעם „וירא רויזענבלאַט כי טוב" איז דער דיכטער ניט געקומען דורך דעם הונגער פון יוגענטליכן אָפּטימיזם, וואָס וויל ניט זען דיליידן פון לעבן, ווייל עס ברענט אין אים דעם חשק צו רייסן די אומצייטיקע פּרוכט פון בוים; רויזענבלאַט איז געקומען צו זיין רואיקן, לויטערן אָפּטימיזם דווקא נאָכן דערזען די ליידן פון לעבן. ער האָט דערזען, ווי ער דריקט זיך אויס, „די שמייכלענדיקע מאַסקעס אויף אַ מרהשחורהדיק געזיכט". פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט „כי טוב", ווייל ער האָט געפילט בחוש ווי דאָס גאַנצע באַשאַף פון די שטערן ביזקל גריל, זינגט אַ תהילמדיק-געזאַנג צום לעבן.

אונדזער דיכטער, וואָס האָט אין יעדן רעגן-טראָפּן געזען דעם גאַנצן ים, האָט אויך זיך געקענט שפּילן מיטן ים ווי מיט איין טראָפּן. קיין זאַך

איז ניט געווען צו־גרויס און צו־ווייט פון אים, ער זאָל ניט קענען אָפּלערנען פון דעם די חכמה פון לעבן. און האָט ער געזען דעם פישער מיד־געבויגן וואַרטן אין זיין שיפל „אויף פיש מיט דימענטענע אויגן", איז דאָס פאַר רויזענ־בלאַטן געווען אַ משל פון זיין אייגענעם שטילן בטחון און גלויבן אין די מתנות פון לעבן.

זיין אינטואיטיווע חכמה, זיין גוטסקייט וואָס איז געווען דאָס וועזנטליכע פון זיין אויסגעריפּטן דיכטערישן כאַראַקטער, און זיין טיפע לויטערקייט האָט אים דערפירט צו דער מדרגה, אַז זיין ליד זאָל ווערן אַ סך־הכול, דער אונטער־שטער שטריך פון אַלע זיינע חשבונות און איבערלעבונגען.

רויזענבלאַט האָט אַ ליד טאַקע אונטערן נאָמען „סך הכול", וואו ער שילדערט אַן אַנטוישטן מענטשן, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם זייגער ביי זיך אין הויז, ווייל זיין רעכענונג שטימט ניט מיטן לעבן. אָבער:

„אים דאַכט זיך, אַז אַ זייגער גייט.

ער שטרענגט זיך אָן . . . דעם שכנס זייגער,
ער הערט אים טיקען דורך דער וואַנט.
פאַראַן אַ חשבון, אַ סך הכול
ליגט אויבן אויף ווי אויף דער האַנט."

דעם סך־הכול דאַרף דער מענטש זוכן ניט בלויז לויט דער מאָס פון גליק וואָס ער האָט דערגרייכט, נאָר דער חשבון איז מיט דער גאַנצער וועלט. מיט זיין אונטערגאַנג גייט ניט אונטער די זון. ביי זיך קען ער אָפּשטעלן דעם זייגער, אָבער דער זייגער גייט ווייטער ביי זיין שכן, און ער, דער צעקריגטער מיט דער וועלט, מוז עס הערן אין דער נאַכטיקער שטילקייט. עקסצענטרישע נאַטורן קענען דערמיט ניט שלום מאַכן. צו אַזאַ געפיל פון פאַרבונדנקייט מיטן גאַנצן לעבן קומט מען ערשט נאָך לאַנגע נסיונות און ליידן, אויב מען איז געבענטשט מיט איינגעבוירענע, אָדער אין קאַמף מיט זיך אליין, אויס־געקעמפטע גוטסקייט.

נאָר ווען מען דערגייט שוין צו אַזאַ מדרגה, קריגט מען דעם שכר אויף דער וועלט. מען דערפילט דעמאָלט ,אַז אייגנטליך ווערט מען אליין אויך ניט פאַרלאָרן. מען בלייבט אין דער וועלט אין אַן אַנדער אומוואַנדלונג. אויף אַזאַ אופן באַגוועלטיקט מען די שרעק פאַרן טויט. און איינע פון רויזענבלאַט'ס טיפסטע זאַכן, איז אַ ליד מיטן נאָמען „אין די טרויער־טעג פון שבעה". ער באַשרייבט דאָרט דאָס הויז פון אַן אבל, וואו מען באַווייַנט דעם אַוועקגעגאַנ־גענעם. אָבער קיינער זעט ניט, אַז דער אַוועקגעגאַנגענער איז געבליבן אין זיין היים. זיינע הענט גלעטן ווייטער מיט ליבשאַפט דעם אַנגעצונדענעם לאָמפּ אויפן טיש און דאָס בייגעלע פּאַפּיר. און אַט די ליבשאַפט צום לעבן האָט רויזענבלאַט געירשנט אויך פון זיין מאַמען. אין אַ רירנדיק ליד „יציאת נשמה" באַשרייבט ער ווי זיין מאַמע האָט פאַר איר טויט צו זיין פאָטער

מיט אַ ציטעריק קול געזאָגט: ס'וועט רעגענען ביינאַכט.
פאַרגעס ניט, הערשל, נעם אַראָפּ די גרעט וואָס אויפן פּלויט.
דערביי האָט זי אַ זיפץ געטאָן און מיד די אויגן צוגעמאַכט.״

זיין מאַמעס לעצטע ווערטער איז צום דיכטער צוריקגעקומען מיט אַ סך יאָרן שפּעטער ווי אַ ווייטע צושטימונג צו זיין דערקענטעניש, אַז דאָס לעבן איז אַ כּישוף־רינג וואָס האָט ניט קיין סוף, ווייל אַלץ איז איינגעוועבט אין קרייז פון עקזיסטענץ — קומט שטענדיק צוריק אין לויף פון דער אייביקייט.

אָבער רויזענבלאַט, וואָס איז געזעסן אין שאָטן פון זיין בוים, וואָס ער האָט אליין געפלאַנצט, האָט ניט געזען די וועלט מיט אָפענע שאַרפע שוואַרצאַפּלען; ער האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט האַלב פאַרדרימלטע אויגן. די וועלט, וועלכע ער שילדערט אונדז, איז אַן איבערגעדיכטעטע פון דער ווירקלעכקייט אליין. ער באַטאָנט כּסדר אַז ער חלומט, ווי איינער וואָס חלומט אין שלאָף פון זאַכן, ניט אין דעם סדר ווי ער האָט זיי געזען בייטאָג אויף דער וואָך, נאָר אין דעם צוזאַמענהאַנג ווי זיין אונטערבאַוואוסטזיין וויל. זאַכן וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, אָדער אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט צווישן זיך קיין שייכות, טויכן אויף אין אונדז אין שלאָף בנשימה אחת. און מיר נעמען פאַרשטיין, אַז אין אונדז איז דאָ עמעץ, וועלכער קייטלט צונויף אונדזערע דערפאַרונגען אויף אַן אַנדער אופן ווי אונדזער שכל. אָט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַ באַלויכטענעם פענצטער, אַ האַלב בלינדער קאַץ, אַ זייגער אויף דער וואַנט און בעטלער אויף די וועגן — בינד רויזענבלאַט צוזאַמען מיט פאַרמאַכטע אויגן און אינטואיטיוון געדאַנק.

מהאי טעמאַ זיינען רויזענבלאַט'ס לידער צום בעסטן ניט דעמאָלט ווען ער פאַרפלאַנצט באַוואוסטזיניק אַ געדאַנק אין אַ צוגעקליבן בילד. רויזענבלאַט איז קלאָר און עכט גראָד דעמאָלט, ווען ער שאַפט אין זיין דיכטערישן חלום, ווען ער לאָזט זיך פירן פון זיין זעעוודיק געפיל, וואָס קלייבט אָפּ דיכטעריש די אָביעקטן פון דער ווירקליכקייט און שטעלט איבער זייער סדר אַנדערש ווי זיי זיינען אין דער רעאַליטעט. מיט איין וואָרט: רויזענבלאַט איז צום בעסטן ווען ער לעבט אין זיין אויסגעדאַכטקייט. די דאָזיקע לידער האָבן אויך טיפע געדאַנקען.

ווען מיר לעבן זיך אריין אין רויזענבלאַט'ס לידער, זיינען מיר אין דער בחינה פון איינעם, וואָס כאַפּט זיך אויף אין זיין שטוב אינדערפרי, און פון די ליכט־פלעקן אויף די ווענט שטעלט ער זיך פאָר ווי עס זעט אויס דער דרויסן, וואו עס האַלט די זון און צי דער הימל איז בלוי. רויזענבלאַט שיקט אריין דורך אונדזער פענצטערל דעם אָפּשיין פון טאָג־ליכט, די ווידערקולות פון שטימען, און מיר אליין שאַפן זיך שוין דאָס בילד פון דער אַרומיקער וועלט. דער דיכטער אין זיין וואַכן טרוים גיט אונדז נאָר די שטימונג פון די בילדער, און מיר, אונטער דער השפּעה פון זיין שטימונג און אַטמאָספער, רופן אַרויס אין אונדזער געדעכעניש די רעאַלע בילדער.

די געדאַנקלעכע און בילדערישע אַסאָציאַציעס פון רויזענבלאַט׳ס ליריש־יחידישע איבערלעבונגען, האָבן אים אָפּט צוריקגעפירט צו זיין קינדהייט און צום אוקריינישן דאָרף פון וואַנען ער קומט. דאָס איז דערפאַר, וואָס די וועלט פון אונדזער קינדהייט קריצט זיך איין אין אונדז צום שטאַרקסטן, און ווייל רויזענבלאַט האָט געלעבט אין אַן איבערגעחלומטע און איבערגע־דאַכטע וועלט, דעריבער האָט ער געשעפּט פון די איינדרוקן פון זיין פריסטער יוגנט־צייט, ווען די פאַרשטעלונג איז מער רעאַל פאַרן קינד ווי די ווירקליכקייט.

און שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם איז אויך רויזענבלאַט׳ס שפּראַך. ער איז זייער פאָלקסטימליך, און זיין לשון איז פול מיט זאַפטיקייט פון אוקריי־נישן יידיש — די שפּראַך פון זיין טאַטע־מאַמע. יענע שטימונגס־בילדער, וואָס קומען צו אים אין שעה פון זיין שאַפונג ברענגען אויך מיט זיך דעם אָפּ־קלייב פון ווערטער־אוצר, פון יענע ווערטער מיט וועלכע ער האָט נאָך קינד־וויז אויסגעדריקט זיין התפעלות.

רויזענבלאַט איז געווען איינגעליבט אין וואָרט. דאָס ליד אליין איז פאַר אים אַ מציאות, אַ ממשות. דאָך האָט ער זיך ניט פאַרכלינעט מיט רייד. ער נוצט אויך ניט אין זיינע אויסגעלייטערטע לידער דאָס פאַטעטישע וואָרט, אויך ניט דאָס ניי־געשאַפענע און דאָס צוגעטראַכטע וואָרט. רויזענבלאַטן איז צום טייערסטן דער פאָלקסטימליכער אויסדרוק, וואָס זיין שטאַנדהאַפטיקייט איז אויסגעפּרוּווט דורך דאָס גערעדטע לשון. זיינע ווערטער זיינען ניט קיין צוגעשליפענע און ניט קיין רויע, נאָר זיי פּאַסן זיך אריין איינע אין די אַנדערע לויט זייער נאַטירליכן וואוקס און כאַראַקטער. רויזענבלאַט איז ריין און אַפילו קאַרג אין זיינע פאַרבן. זיין אויסדרוק איז ווי אַן איידעלע הויט, ליכטיק און וואַרעם און זיין געמיט איז פול מיט שטילער חכמה און גוטסקייט.

---

**מלך ראַוויטש**

## חיים גראַדע — אַן אינטימער פּען־פּראָפיל

### (פון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן")

(געבוירן אין יאָר 1910 אין ווילנע, יוגנט אין נאָוואָרעדאָק, יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד. 1946־1948 אין פּאַריז. זינט 1948 אין ניו יאָרק).

חיים גראַדע איז אַ ראש ישיבה, אַ באַרימטער ראש ישיבה פון סוף ניינצעטן יאָרהונדערט אין דער ליטע, אַ ראש ישיבה, אַן עוקר הרים — וואָס איז געוואָרן אַ באַרימטער יידישער דיכטער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — קודם כל אין ווילנע און שפּעטער אין אַמעריקע. די נאַטור פון אַן עוקר הרים איז סאַי ווי אין אים געבליבן. נאָר אַזוי ווי ער איז אַ קלוגער — האַלט ער אָט די גייסטיקע תאווה אין זיך צוריק. נאָר גיי באַהאַלט אַ פלאַם פייער הינטער אַ פרוכת פון ריטמען און גראַמען און אַפילו דערציילונגען און ראָמאַנען.

חיים גראַדע איז אַ פּערטל טפח קלענער ווי מיטל־וואוקס. נאָר עס פּאַסט אים. עס גיט אים צו חן, כאָטש ווער וויל עס נישט זיין כאָטש דריי טפחים העכער ווי ער איז. ער איז אַ טונקל־בלאָנדער און האָט אַן אויסגעשטערנטן שטערן און ברוגזע ברעמען און דורכדרינגענדיקע אויגן, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ ראש ישיבה, וואָס האָט צו טון כסדר מיט הונדערטער תלמידים און יעדער תלמיד איז אַ וועלט פּאַר זיך, וויל אליין זיין אַן עוקר הרים. גראַדע טראָגט שאַרפע אויגן־גלעזער אויף דער נישט־סעמיטישער נאָז און ער קען אָפּט אסך שווייגן אין געזעלשאַפט. נאָר דאָס איז אַזאַ מין שווייגן, וואָס רעדט, אָבער מחמת עס האָט נישט ליב צו רעדן סתם — רוט זיך עס אָפּ. עס האָט צייט.

אַז חיים גראַדע רעדט, רעדט ער הויך, אַפּילו אַביסל באַפעלעריש. ער ציילט אַפּילו די ווערטער זיינע, אָבער ער ציילט זיי גאַנץ גיך. אַ געניטער ציילער. ווייסט דעם ווערט. ווייסט דעם ווערט פון ציילן, אָבער נישטאָ צופיל צייט, מוז מען ציילן גיך.

אַז חיים גראַדע איז נאָך עטלעכע יאָר שרייבן און דרוקן — צו זיינע 26 — אריין אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין אייגענעם בוך שירים, איז ער אריין אַזוי, ווי איינער גייט אריין אין דער אייגענער שטוב, צום אייגענעם ווייב און די אייגענע קינדער, פון וואַנעט ער איז נאָר וואָס אויף אַ רגע אַרויס. ער איז אריין אַן א גוטמאָרגן, ער איז אריין מיט א „יאָ!" — אַזוי האָט זיך גערופן די ערשטע לידער־זאַמלונג זיינע און זי איז אין אַ יאָר אַרום אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע. מיט לידער־ביכער האָט עס אין די מאָדערנע לידער־צייטן ביי אונדז פּאַסירט נאָר עטלעכע, געציילטע מאָל. חיים גראַדע איז אַ מזלדיקער ביי אונדז.

אסך דיכטער האָבן מוטער־קאָמפּלעקסן ביי אונדז. און אין וועלכער ליטע־ראַטור דען נישט? דער באַרימטסטער פון די קאָמפּלעקסן ביי אונדז איז דער מוטער־קאָמפּלעקס פון אונדזער באַרימטסטן — שלום אש. דאָרט איז ער ווי אַ צעצווייגטער בוים — מיט יעדן צווייג אַריינגעוואָקסן אין אַ פענצטער פון אַן אַנדער באַרימט ווערק זיינס. אונדזער גרויסער ה. לייוויק — איז אָרי־גינעל און זעלטן אויך מיט זיין פּ אָ ט ע ר ־ קאָמפּלעקס. און חיים גראַדע האָט דערפירט צו אַ גרויסער קינסטלערישער שלימות זיין מוטער־קאָמפּלעקס. און עס זענען דאָ באַזונדערע ביאָגראַפישע סיבות דערצו אויך. געווען צווייערליי קינדער אין דער משפחה און ער — חיים — איז געווען דאָס זאָרגן־קינד פון זיין מוטער — וועלע. צוליב אים האָט זי געלעבט און געליטן און גע־האַנדלט אויפן מאַרק און געחלומט פון — א ראש ישיבה, רב חיים, אַן אנשפּאר און אַ שטאָלץ אין די אַלטע יאָרן. און אַז דער זון איז אַוועק אויף די דרכים, אויף וועלכע ער איז אַוועק — האָט זי דאָס אָנגענומען ווי גורל און סאַי ווי געדאַנקט דעם רבונו של עולם. מיט אַ ליד צו דער מאַמען האָט זיך אָנ־געהויבן דאָס לידער־בוך „יאָ" און איז דאָ אין טיטל ליד פון צוויי ביכער: דער מאַמעס צוואה — שירים, דער מאַמעס שבתים — פּראָזע. און זי איז

דאָ אין אָפענעם, אָדער באַהאַלטענעם אינהאַלט אין כמעט יעדער שאַפונג גראַדעס. איר שטרענג־פרום פנים באַצירט — אין אַ שוואַרץ טיכל איינגערעמט — איינעם פון גראַדעס ביכער. איר פנים, יאָ, און נישט אַ בילד פון דעם פנים פון איר דיכטער־זון. דאָס זעלבע בילד הענגט אין גראַדעס אַרבעט־שטוב אין ניו יאָרק און ער האַלט אין איין קוקן אויף דעם, כאָטש עס איז סאַי ווי דאָ אין אים, ווי דאָס בילד פון יעקב אבינו איז געווען, לויט אונדזער מסורה, אין האַרץ פון יוסף הצדיק אין אַלע זיינע יאָרן אין פארשייטן לאַנד מצרים.

אַז חיים גראַדע איז אריין אין אַמעריקע, אין דעם גרעסטן יישוב ביי יידן פון אַלע צייטן, מיט דער גרויסער טראַדיציע פון אַמאָל און דער גרויסער וואָג פון היינט פון דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור, און געווען איז עס אין יאָר 1948 בימי יידישן קולטור־קאָנגרעס — איז ער — נאַיווערהייט (אויך אַ ליטוואַק בן ליטוואַק איז אַמאָל נאַיוו) אריין מיט אַ שאַרף־קריטישן „ניין״. אָבער גאָר באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז מידת הדין צו דער יידישער ליטעראַטור קען מען נישט אָנווענדן אין ערגעץ און קיינמאָל און אַפילו נישט אין דעם גרויס־יישוב אַמעריקע. ער האָט עס דאַך געדאַרפט וויסן, ער, חיים גראַדע, מיט דעם מוטער־קאָמפּלעקס, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אליין אַ גרויסע מאַמע און מען מוז זי באַהאַנדלען מיט מידת הרחמים, ווייל אויך זי איז אין טיפסטן תוך איין גרויסע שאַל פון מידת הרחמים איבער אונדז אַלע. און חיים גראַדע האָט זיך באַלד אינטעגרירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אונטערגעשטעלט אַן אַקסל און געוואָרן איינע פון אירע זיילן.

אינאַ העקער איז געווען אַ בלאָנדע, שלאַנק, חנעוודיק און וועלט־בייגעריק מיידל, אַ סאַברע פון . . . מאָסקווע, אַ טאָכטער פון אַ יידישן דאָקטאָר, אויב איך האָב נישט קיין טעות. אינאַ העקער איז געוואָרן חיים גראַדעס צווייטע פרוי. אין תהום פון דריטן חורבן איז זיין ערשטע פרוי פאַרשוואונדן. פאַר אינאַ העקער — גראַדע איז די יידישע ליטעראַטור אַן אינטעגראַלער טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור — און אַזוי ווי זי איז אַ גראַדואירטע פון מאָסקווער גימנאַזיעס און ניו יאָרקער אוניווערזיטעטן און אַ ספּעציאַליסט פון פאַרגלייכנ־דיקער ליטעראַטור־וויסנשאַפט — מעסט זי נאָך אַלץ און וועגט די יידישע לי־טעראַטור מיט דער מאָס און וואָג פון די וועלט־ליטעראַטורן. גראַדעס דירה איז אָנגעשטאָפּט מיט יקר המציאותן און סתם געקליבענע ספרים איינס אין איינס, און ער איז אַ בקי אין זיי און איז אין זיי גאַנץ אָפט טאַקע מעיין. דרייט זיך אינאָטשקאַ — אַזוי רופט זי חיימקע, אַזוי רופט זי אים — איבער אָט די שטובן ארום, ווי אַ פאַרבענקטער פויגל פון אַן אַנדערן וואַלד, אַן אַנדערן וועלט־טייל. קען זי גראַדעס ווערק — רעדט וועגן זיי און האַלט זיי אין איין פאַר־גלייכן און צוגלייכן צו די ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור אין וועלכע זי איז אַ בקי.

דאָ אנומלט האָב איך געהערט אַ לעקציע פון אינאַ העקער — גראַדע אין

אַ ניו יאָרקער קאָלעדזש. אַ פראַנצויזישער העכערער אַנשטאַלט. די לעקציע איז געווען אין ענגליש, אָבער אין דער אוידיטאָריע בעיקר פראַנצויזן, אויך פאַרביקע. און מיין פאַנטאַזיע איז געפלויגן: ווילנער מאַרק, נאָוואָרעדקער ישיבה, מאָסקווע, פּאַריז, ניו יאָרק — פרעמדע וועלטן, נאָענטע וועלטן, באַגעגענישן, פרעמדע בליקן, וואָס ווערן נאָענט, נאָענט און קוקן זיך אַן ווי צוויי פייגל ערגעץ אין די הייכן, איבער די וואָלקנס, וואָס איינער פליט פון צפון קיין דרום און איינער פון דרום קיין צפון — און פלוצלונג פליען זיי צוזאַמען — וואונ־דערלעכע וועלט. סתם אַזוי. פרעמדע — אַזוי פרעמד, נאָענטע — אַזוי נאָענט. ערגעץ וואָרט אַ נישט געשריבן ווערק וועגן דער יידישער ליטעראַטור אויפן פאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור. ווי דאָס ווערק וועט הייסן — ווער ווייסט? דער מחבר וועט זיין אינא העקער־גראַדע.

איך ווייס נישט, וואָס עס איז, אָבער איך האָב אַלעמאָל אַ געפיל, אַז עפּיס מאַכט גראַדען אומרואיק אין דער אנוועזנהייט פון דעם שרייבער פון די בלע־טער. און עפּיס מאַכט אויך מיך אומרואיק אין זיין אנוועזנהייט. וואָס מיך מאַכט אומרואיק אָנט עס מיך: עס זענען טענות, וואָס איך האָב צו אים, זיין גרויסן ליטעראַרישן כוח מיט פירנדיקע קוואַליטעטן. און ער איז דאָך אַ מוסר־ניק, ווייסט פון אחריות פאַר גאָט און פאַר לייט. און ווי אָפט מיר באַגעגענען זיך — קום איך מיט די טענות־מענות אַרויס. אַ דאַנק אָט די טענות־מענות צו גראַדען איז אַנטשטאַנען די פּאָעמע „קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע״. האָבן אָבער טענות־מענות זעלטן וועגן אויסגעשפּראָכענע פּערזענ־לעכקייטן איבערצייגט. דער ראש ישיבה לויט אסך אַטריבוטן זיינע — וויל קיין ליטעראַרישער ראש ישיבה נישט זיין. ער וויל בעסער רעקאָנסטרויִרן דעם גאַנצן נעכטן פון דער ליטע, איידער העלפן אינטעגרירן דעם צעבראָקלטן יידישן היינט אין אַמעריקע אין נאָמען פון אַ נישט זיכערער מאָרגנדיקער גאַנצקייט. און אויף דעם וועג זיינעם גייט ער, מיט זיכערקייט און מיט קלאָרער ניכטערנקייט, כאָטש חיים גראַדע האָט ליב צווישן חברים, אַ לחיים אויף צו פאַרלייכטערן דאָס שווערע געמיט פון אונדזער צייט.

אין אייביק צעשטורעמטן ים פון דער יידישער צייט, געווען איז עס יאַנואַר 1957, אינעם אייביק כוואַליעדיקן ים פון ניו יאָרקער שטח, זענען אין אַן אָוונט אַ שעה לאַנג געגאַנגען צוויי — דאָס האָט גראַדע מיך באַגלייט צו דער סאָבוועי נאָך אַ באַזוך ביי אים. אין זכרון פלאָנטערט זיך מיר בשעתן גאַנג גראַדעס דעקאַדענטיש ליד פון זיין ערשטן גילגול — „געשטאָרבן אין חיימל שלמהס״ — איך האָב עס מיט אַנטציקונג צענדלינקער מאָל פירגעלייענט אין געזעלשאַפטן, עס איז געווען אין אויסטראַליע אין יאָר 1936. 21 יאָר. היינט גייט נעבן מיר מיט פעסטע טריט איינער פון די גאָט־געבענטשטע רע־קאָנסטרוקטאָרן אין וואָרט פון גרויסן ליטווישן יידנטום. דער זעלבער רב חיימל שלמהס — אַ מענטש מיטן כוח פון א ראש ישיבה, וואָס וויל בעסער זיין נאָר אַ מחבר פון גרויסע ספרים.

# ברוך הבאָ, חשוב׳ער דיכטער מלך ראַוויטש!

(פראַגמענט פון דער רעדע פון פּאָרזיצער י. פרידלאַנד, צום קבלת פּנים
פון מלך ראַוויטש אין לאָס אַנגעלעס)

במשך די עטלעכע וואָכן (15טן אויגוסט ביז סוף סעפּטעמבער) וועלן מיר האָבן דעם כבוד צו האָבן מיט אונדז דאָ דעם זייער חשבון גאַסט, דעם באַרימטן דיכטער, עסייאיסט און לעקסיקאָגראַף — מלך ראַוויטש. הגם מלך ראַוויטש איז גוט באַקאַנט דעם בעסערן יידישן לייענער אין דער גאַרער יידישער וועלט, פילן מיר אָבער, אין כבוד פון אונדזער גאַסט, אים פּרעזענטירן פאַר אונדזער ברייטן יידישן עולם, אין לאָס אַנגעלעס, דורך עטלעכע ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען.

צו ברייננגען אן אויספירלעכע פּרטים׳דיקע ביבליאָגראַפיע פון מלך ראַוויטשן, פון אַלע זיינע געשאַפענע ווערק, ווי אויך פון זיין ברייטער מיטאַרבעטערשאַפט אין די אַלע זשורנאַלן און צייטשריפטן וואָס דערשיינען אין דער וועלט אימפּעריע יידיש, וואָלט עס פאַרנומען מער צייט וויפיל מיר האָבן. צו דערמאַנען בלויז עטלעכע דאַטעס און מאָמענטן אין זיין גאַנג און אָרט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, במשך דעם לעצטן קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט, וועט אונדז געבן אַ גענוגענדיק בילד פון דעם מהות פון זיין פאַרצווייגטער ליטעראַרישער טעטיקייט.

זיין ערשטע זאַמלונג יוגנט פּאָעזיע איז דערשינען אין יאָר 1912 א״ט „אויף דער שוועל״. ער האָט שוין דאַן תיכף געצויגן דעם אויפמערק פון די יידישע ליטעראַטן אין פּוילן, צווישן זיי אויך יצחק לייבוש פּרץ. זינט דאַן, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פענאָמענאַלן ליטעראַריש שעפערישן כוח. זיין ביז איצטיקער ליטעראַרישער פאַרמעג ציילט שוין, אַריינעמענדיק דעם דריטן באַנד „לעקסיקאָן״ וואָס איז דערשינען היי־יאָר, אַ שפע קיין עין־הרע, פון צוויי און צוואַנציק ביכער: לידער, פּאָעמעס, באַלאַדן, דראַמען, רייזעבאַשרייבונגען, עסייען, א. א. פון אָט דעם גרויסן סכום ביכער שאַפן מיר זיך אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם און מהות, וואָס פאַר אַ פּראָדוקטיוו ענערגיש שעפערישע פערזענלעכקייט אונדזער חשוב׳ער גאַסט איז.

מלך ראַוויטש צייכנט זיך באַזונדער אויס מיט זיין אייגנאַרטיקייט אַלס מענטש און שריפטשטעלער, וואָס איז אוודאי אים לשבח: ער איז פון די ווייניקע יידישע שרייבער און דיכטער וואָס לייענט מיט אינטערעס אויך, וואָס אַנדערע קאָלעגן־שרייבער שאַפן. איך דערמאָן עס אים לשבח מחמת, עס זיינען פאַראַן אַ גרויסע צאָל שרייבער (זאָל עס זיי צו קיין גנאי ניט זיין), וואָס לייענען ס׳רוב נאָר אייגענע שאַפונגען, אָדער, וואָס אַנדערע שרייבן וועגן זיי . . . ראַוויטש שטעלט אויך ניט אַוועק קיין מחיצה צווישן אים, אַ וועלט אָנערקענטן יידישן דיכטער און עסייאיסט, און דעם ווייניקער אַנערקענטן קאָלעגע: יעדער שרייבער אונטערשטרייכט ער — האָט זיין אָרט אין אונדזער

ליטעראַטור. אין זיינער אַ קורצער עסיי — „אַ שמועס וועגן קליין, גרויס און מיטלמעסיק" זאָגט ער צווישן אַנדערן:

„ליטעראַטור איז דער סך הכל אין שריפט און אין דרוק פון די גייסטיקע אוצרות פון אַ פאָלק, פון אַ תקופה, פון אַ לאַנד, פון אַ וועלט אפילו. יעדער טייל איז אינטעגראַל. נישט אַפּצוטיילן, באַלאַנגנדיק צום גאַנצן . . . אוודאי מוז יעדער דיכטער האָבן קודם כל שרייבערישן טאַלאַנט, אַן דעם איז ער דאָך — אַלס שרייבער — אינגאַנצן נישטאָ. אָבער פאַרמאָגט ער די קוואַליטעטן כאָטש אין דער מינדסטער מאָס — באַלאַנגט ער צו דער ליטעראַטור און מען קען שוין פון אים דערוואַרטן קוואַליטאַטיווע ביישטייערן און אַפילו איבעראַשונגען.

ליטעראַטור — איז ער ממשיך — איז אַן אָרקעסטער. יעדע פידל האָט איר אָרט. אוודאי קענען די גרויסע סאָליסטן אויך אַליין שפּילן. אָבער וויפיל מערער זענען זיי זיך אַרויס טאַקע אין אָרקעסטער מיט זייערע סאָלאָס פון צייט צו צייט. און אַ ליטעראַטור איז קיין ליטעראַטור נישט — בלויז מיט אירע קלאַסיקער. און אין אונדזער איינזאַמער יידישער ליטעראַטור מוזן מיר אוודאי אָפּהיטן דאָס צונויפהאַלטן זיך".

ווי ווייניק אַ טייל פון אונדזערע יידיש שרייבער אין אונדזער יידיש פּעריפעריע, פאַרשטיין אָט דעם עלעמענטאַרן טרואיזם און האָבן באַציאונג עס תופס צו זיין. אַ טייל שרייבער זיינען מיט דער מחשבה, אַז די אַקס פון דער יידיש ליטעראַרישער וועלט דרייט זיך בלויז אַרום זיי.

מלך ראַוויטש, דיכטער, עסייאיסט און לעקסיקאָגראַף פּאַר עקסעלענץ, איז צום יידישן שרייבער דער גאָענטסטער, דער אינטימסטער, הן פּאַר זיין פּראָדוקטיוו שעפערישקייט והן ווי אַ עטישע פּערזענלעכקייט, צו וועלכן מע האָט אַ ביז גאָר אויפריכטיקע און ערענסטע באַציאונג.

ווי כ'האָב דערמאָנט, איז ראַוויטש דער מחבר פון 22 ביכער, כן ירבו! אריינרעכענענדיק די דריי בענד „מיין לעקסיקאָן" וועלכע איך האַלט זיינען די קרוין ווערק פון זיין שאַפונג. זיי זיינען פון אַ גרויסן ליטעראַריש היסטאָרישן ווערט לדור דורות. די ווערק „מיין לעקסיקאָן" זיינען מער ווי אַ לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם אָנגענומענעם זין; זיי זיינען מער ווי אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע שרייבער; זיי זיינען, וואָלט איך געזאָגט, אַ שטיק ליטעראַטור געשיכטע. וואָלט אַזאַ ווערק בא אונדז נישט געווען, וואָלט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אַזעלכע ווערק געדאַרפט אונטערנעמען צו באַשאַפן.

דער ערשטער באַנד „מיין לעקסיקאָן" פון מלך ראַוויטש איז דערשינען אין יאָר 1945, איבער יידישע דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורגן אין פּוילן, צווישן די צוויי גרויסע וועלט מלחמות; און אין 1947 איז דערשינען דער צווייטער באַנד איבער יידישע פּובליציסטן, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן, מאַלער, פּאַרטיי פירער און קולטור טוער, אויך אין פּוילן, צווישןביידע וועלט מלחמות. די גאַנצע פּלעיאַדע שרייבער, דיכטער, קינסטלער און קולטור עסקנים פון

יענער תקופה, וואָס דער רוב פון זיי, צו אונדזער גרויסן צער, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצישע רוצחים ימח שמם וזכרם! אָט די צוויי בענד שטעלן מיט זיך פאָר אַ ביז גאָר וויכטיקע היסטאָריאָגראַפיע און איז ווי אַ מאָנומענט און הייליקער אָנדענק פון דעם פארשניטענעם שעפערישן טייל פון דעם פוילישן יידנטום.

די יידישע געשיכטע און דער יידישער היסטאָריקער, וועט וויסן ווי אָפּצושעצן אָט די גרויסע קערנדיקע און ווערטפולע שאַפונג פון איינעם, וואָס איז א חד במינו אויף אָט דעם פעלד — מלך ראַוויטש.

אין זיין נייסטן דריטן באַנד „מיין לעקסיקאָן", וואָס איז דערשינען ה"י, גיט ער אונדז בעיקר פּען־פּראָפילן פון יידישע און העברעאישע שרייבער אין מדינת ישראל. לעבנדיק אין ישראל די לעצטע פּאָר יאָר, האָט ער דעם רוב פון די יידישע און העברעאישע פּען מענטשן כאַראַקטעריזירט און פאַררעגיסטרירט זייער אָרט אין דער ליטעראַטור פון אונדזער אַלט־ניי־לאַנד ישראל. 156 פּען פּאָרטרעטן פון שרייבער, דיכטער עסייאיסטן וואָס פאַרנעמען איצט אַן אָנגעזעען אָרט אין דער שעפערישער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור אין מדינת ישראל, האָט ראַוויטש אונדז געבראַכט אין זיין נייסטן דריטן באַנד „מיין לעקסיקאָן".

מען רעדט בא אונדז פיל מכוח דעם ווי אַריבערצוואַרפן אַ בריק צווישן ישראל און די תפוצות, אַז די שאַפער פון אונדזער ליטעראַטור איןביידע לשונות, יידיש און העברעאיש, זאָלן זיך קענען באַגעגענען, דערנעענטערן. מלך ראַוויטש האָט עס אין זיין דריטן באַנד „מיין לעקסיקאָן" אין אַ היפּשער מאָס געטאָן. ער האָט די העברעאישע און יידישע שרייבערס פון ישראל, צוזאַמענגעבראַכט אונטער איין דאַך; און פון דערנעענטערונג צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע איז שוין ניט קיין וויטער מהלך.

מלך ראַוויטש איז אויך נישט געזעסן אויף איין אָרט במשך זיין גאַנצן שעפערישן לעבן. ער האָט היפּשלעך אַרום געווייזט איבער אַלע פינף קאָנטינענטן: האָט געוואוינט אין לעמבערג, ווין, וואַרשע, מעלבורן, בוענאָס איירעס, ניו יאָרק, מעקסיקאָ, מאָנטרעאָל און תל־אביב. במשך אָט די אַלע יאָרן, האָט ער שוין געהאַט באַזוכט 70 לענדער.

ווי ראַוויטש גיט איבער אין זיין אויטאָ־פּאָרטרעט, האָט ער אין זיך אַן איינגעבאָרענע פעאיקייט צו אָרדנונג און אָרגאַניזאַציע. פון זיין פריעסטע יוגנט אָן איז ער אומעטום געווען סעקרעטאַר, אָדער בראָש פון אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט.

אַ באַזונדער אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין זיין לעבן איז זיין טעטיקייט אַרום דעם פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע; בעסער באַוואוסט ווי די היסטאָרישע „טלאָמאַצקע 13". די גאַנצע פלעיאַדע פון יידישן שרייבערטום אין פוילן זיינען געווען מיט ראַוויטשן אין פערזענלעכן נאָענטן קאָנטאַקט. ס'איז געווען כמעט ווי נאַטירלעך, אַז ראַוויטש זאָל געווען נעמען אויף זיך אָט די גרויסע היסטאָרישע און דאַנקבאַרע אַרבעט, ווי דאָס שאַפן

**וו. נאַטאַנסאָן**

# נח גאָלדבערגס בוך „אויף צעוואָרפענע וועגן"

„אויף צעוואָרפענע וועגן" איז אַ זאַמלונג דערציילונגען, און ווי דער נאָמען פון בוך דייטעט אָן, זיינען זיי צעוואָרפענע; זיי נעמען אַרום פאַרשיידענע זאַכן, פאַרשיידענע געשטאַלטן, געשעענישן און איבערלעבונגען. דער מחבר מאָלט פאַר אונדז יידן און גוים אין דער אַלטער היים אין ווייס־רוסלאַנד און אין אַמעריקע, מענער, פרויען און קינדער, ווי אויך דאָס לעבן פון חיות: דאָס לעבן פון אַ פיש און דאָס לעבן פון אַ הונט.

אַלע דערציילונגען צייכענען זיך אויס דער עיקר מיט צוויי שטריכן פון דעם מחברס שעפערישקייט: דער ערשטער שטריך איז די קרעפטיקייט פון זיין באַשרייבונגס טאַלאַנט. איך האָב ערגעצוואו געלייענט, אַז ווען מען האָט געפרעגט אַמאָל טאָלסטאָיען זיין מיינונג וועגן אַ געוויסן שרייבער, האָט ער געענטפערט: זאָל ער באַשרייבן פאַר מיר אַ טיש, וועל איך וויסן צי איז ער יאָ אָדער ניט קיין גוטער שרייבער. נח גאָלדבערג באַשרייבט אויסגעצייכנט אַלץ אויף וואָס ער וואַרפט אַ אויג, און וואָס ער פאַנגט אין די נעץ פון זיין פאַנטאַזיע.

איך וועל ברענגען בלויז איין מוסטער פון דער גרויסער צאָל שיינע און קרעפטיגע באַשרייבונגען.

אָט איז זיינע אַ באַשרייבונג פון אַ פאַרשפּייז:

„די דינסט האָט דערלאַנגט דעם פאַרשפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון איינ־געהאַקטע הינערשע לעבערלעך מיט ציבעלע, באַדעקט מיט לוזשעס געגנדזענעם שמאַלץ. אַרום און אַרום זענען קליינינקע רויטע רעטעכלעך געווען אַרומגעשטעלט ווי זעלנערלעך. זייערע רויטע פעלערינקעס זענען געווען צעשפּילערטע, און אַנט־בלויזט ווייסע בייכעלעך. אין מיטן דער לודזשע איז יוסטנע געזעסן אַ ביסל אַ גרע־סערער רעטעכל. זיין פעלערינקע איז געווען צוגעקנעפּלט ביזן האַלדז. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ גרינע קרוין און מיט ווירדע געקיביקט סיי איבער דעם רינג סאַלדאַטן, סיי איבער דער אכילה".

דער צווייטער שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט גאָלדבערגס דערציילערישן טאַלאַנט איז טיפער רעאַליזם, וואָס צוליב זיין טיפקייט שלאָגט ער אָפּט אָן אין איבעררעאַליזם. דאָס מאַכט מעגלעך, אַז דורך דעם פרט וועגן וועלכן עס דער־ציילט זיך מיט פאַרכאַפּנדיקע איינצלהייטן זאָל זיך אָפּשפּיגלען פאַרן לייענער דער כלל. דער פרט וואָס סימבאָליזירט דעם כלל.

---

פון אָט די גרויסע מאָנומענטאַלע ווערק, די דריי פּרעכטיקע בענד, „מיין לעק־סיקאָן".

ווינטשן מיר אייך, חשוב׳ער חבר מלך ראַוויטש, אַ סך געזונט און אריכות ימים. זייט ממשיך אָט די גרויסע שעפערישע אַרבעט וואָס איר האָט אונטער־גענומען אין אייער לעבנסוועג.

זאָלן געשטאַרקט זיין אייערע הענט! — שלום וברכה!

דער דאַזיקער שטריך קומט צום טיפסטן אויסדרוק דער עיקר אין דריי דערציילונגען: „דער שטורעם”, „אַ פאַרשניטן לעבן” און „מלחמה”.

דער נאַצי שטורעם איבער דער וועלט האָט אין שטעטל ליבאַניטש אומגעבראַכט די פרוי מלכה און דאָס טעכערל גיטל פון דעם בעל עגלה מענדל — איינער פון די דריי יידן וואָס זיינען פאַרבליבן אין שטעטל נאָכדעם ווי אַלע אַנדערע יידן זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. „אַ האַלב צוזאַמענגעדרייטע, מיט איין האַנט צוגעקלעמט צום האַרצן — איז מלכה געלעגן אויפן מיטן דיל. פון איר צעעפנט מויל איז נאָך געגאַנגען אַ גרינער שוים. פון צווישן די פולע, ווייסע, אַרויסגעפאַלענע בריסטן — האָט זיך געצויגן אַ רויטער פייכטער שנירל. האַרט נעבן אירע פיס — איז געלעגן גיטעלע מיטן פּנימל אַרויף. אירע שטאַרע, אָפענע אייגעלעך האָבן „געקוקט” אויף איין פּינטעלע אין דער סטעליע און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס קינד וואָלט פון עפּעס געשטוינט”.

מענדל נעמט נקמה פאַר דעם טויט פון זיין פרוי און קינד דורך פלעטן מיט אַ לאָם אין זיינע הענט דעם קאָפּ פון אַ נאַצי וואָס האָט אריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין הויז. ער ווערט באַלד דערשאָסן פון אַ צווייטן נאַצי, אויסשרייענדיק שטאַרבנדיק „מלכה”.

דאָס ווערט אַזוי טיף און רעאַליסטיש געמאָלן, אַז דורך דעם שטורעם אין קליינעם שטעטל ליבאַניטש דערוועקט זיך אין דער נשמה פון דעם לייענער דער גאַנצער גרויל פון דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן דורך די נאַצים, און עס בליצט אויף פאַר אונדז דער ווידערשטאַנד און די נקמה אַקטן אין די נאַצים פון וואַרשאווער געטאָ אויפשטאַנד. דאָס איז אַ דערציילונג, וואָס קריצט זיך איין טיף אין זיכרון און לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.

אין דער דערציילונג „אַ פאַרשניטן לעבן” איז די העלדין אַ קליין זי הינטל, אַ צויגל, וועלכע ווערט אַריינגעבראַכט אין הויז פון דעם אינגל זעליג, ווען זי איז נאָך געווען זייער יונג. די מאַמע, וועלכער דאָס הינטל איז געפעלן געוואָרן, האָט איר אַ נאָמען געגעבן „פוקסי”. מער פון אַלע ווערט פאַרליבט און פאַרקאָכט אין דער דאָזיקער לעבעדיקער באַשעפעניש פעליקס עלטערער ברודער ראָבערט.

ראָבערט, וועלכער איז איצט פינף און צוואַנציק יאָר אַלט און איז אַ סטודענט אויף מעדיצינישן פאַקולטעט דערציילט וועגן זיין אַמאָליגער פאַרליבטקייט אין דעם הינטל, צו זיין געליבטער אסתרקע.

„מיין ברודער זעליק איז געקומען אַ היים און פון דעם רעקל האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין שוואַרץ באַשעפענישל, אַראָפּגעלאָזט דאָס אויף דער ערד און מיט אַ פאַרשולדיקטן פּנים פאַרענטפערט זיך פאַר טאַטע־מאַמע: איך האָב זי ניט געוואָלט, אָבער דאָס צויגל איז מיר דעם וועג פאַרלאָפן, אומעטיק אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן און געקושט מיינע שיך, האָב איך שוין קיין האַרץ ניט געהאַט איבערצולאָזן זי אינמיטן וועג”.

דער איינציגער אין שטוב, וועלכער קאָן ניט פאַרטראָגן דאָס הינטל, איז דער פאָטער. דעם פאָטערס בייזע און ברוטאַלע באַהאַנדלונגען פון פוקסין רופט

אַרויס אַ שנאה צו אים פון זיין זון ראָבערט. דער פּאָטער קאָן ניט סובל זיין די יאָגעניש פון די הינט נאָך פוקסין אין דער צייט פון איר פּאָרונג. ער באַשליסט צו לאָזן אַ וועטערינאַר זי צו סטעריליזירן.

„איך האָב דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען" — דערציילט ראָבערט — „הלמאי דער טאַטע וויל זי נעמען צו אַ דאָקטאָר און וואָס דאָס וואָרט „סטעריליזירן" מיינט אַזוינס, נאָר געפילט האָב איך אַז פוקסי וועט דערפון אַ סך ליידן און אפשר גאָר שטאַרבן. פאַרן לעצטן געדאַנק האָב איך זיך זייער געשראָקן. איר נאָך נישט — וויטעוודיקער וויטאק — האָט מיר שוין וויגעטאָן און איך האָב ביטער געוויינט".

די אָפּעראַציע נעמט אַוועק ביי פוקסין דעם חשק צו לעבן. זי עסט ניט פאַר גאַנצע טעג און אַזוי אַרום ווערט איר לעבן פאַרשניטן. דאָס רופט אַרויס אַ שטאַרקע שנאה פון ראָבערטן צום טאַטן. ראָבערט לויפט צו צום טאַטן, קלאַפּט אים מיט זיינע פויסטלעך אין בויך און טוט אַ געשריי: איך האָב דיך פיינט!

ראָבערטס שטאַרקע ליבע צום הינטל דריקט זיך אויס צום שטאַרקסטן אין דעם, וואָס ער האָט געטון צו איר נאָכן טויט.

„איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי איז טויט, האָב איך לאַנג געטראַכט וואָס צו טון מיט איר. דערנאָך אויפגעהויבן זי פון דער ערד, גענומען אויף די הענט ווי אַ קינד און אַוועקגעטראָגן אויפן ליידיקן פעלד וואָס איז געווען נישט ווייט פון דאַנען. דאָרט האָב איך מיט אַ פאַרשאַרפט ברעטל אויסגעגראָבן אַ קבר. אַהין אַריינגעלייגט פוקסיס קערפּערל, געגעבן איר מיין מעסערל אַ מתונה און דעם קברל צוריק פאַרשאָטן".

ווען איך האָב דאָס קברל אויסגעגלייכט, אַרומגעפּאַטשט, האָב איך געפונען אַ שטיין און מיט דער הילף פון זיין וואָגיקייט — אַריינגעקלאַפּט דאָס ברעטל פוקסין צוקאָפּנס און אויף דעם אַרויסשטאַרצנדיקן ברעטל האָב איך מיט קרייד אָנגעשריבן: „איך בעט אייך טרעט דאָ נישט! דאָס איז אַ הייליקער קבר! דאָ ליגט מיין בעסטע פריינדין, איר נאָמען איז פוקסי. זי איז געווען איין יאָר מיט דריי חדשים אַלט" . . .

ערשט ווען דער טאַטע ווייזט אַרויס מיטלייד מיט דעם צו וואָס פוקסי איז דערפירט געוואָרן פון דער סטעריליזאַציע, בייטן זיך ראָבערטס געפילן צו אים. „ערשט איצט האָט ראָבערט פאַרנומען דעם פּאָטערס חרטה, געזען אַז אויך אים האָט שטאַרק ווי געטאָן, האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ, זייערע בליקן האָבן זיך באַגאַגענט און אַ וואַרעם געפיל האָט אַ פלייץ געטאָן פון טאַטן צום זון און פון זון צום טאַטן.

„איך האָב ווידער — אַזוי דערציילט ראָבערט צו זיין געליבטער אסתרקע — „אויסגעשאָסן אין אַ געוויין, נאָר איצט איז דאָס געווען אַ געוויין פון פרייד וואָס אויפן אָרט פון פוקסין איז צוגעקומען אַ נייער חבר, אַ נייער פריינט, אַ מענטש וואָס וועט מיך פאַרשטיין און מיטפילן. האָב איך זיך צוגעטוליעט צו מיין טאַטנס געזונטן גוף און צוזאַמען פאַרלאָזט דעם הינטישן בית הקברות און אַוועק אַ היים".

דאָס לעבן און דער טויט פון פוקסין איז אַזוי שטאַרק און טיף רעאַליס־טיש געמאָלן, אַז עס גיט אונדז אַן אנוואונק פון לעבן און טויט ניט נאָר פון חיות, נאָר אויך פון מין מענטש. אין דעם לעבן פון פוקסין שפיגלט זיך אָפּ די געשלעכטלעכע ליידנשאַפט פון דער פרוי און איר דראַנג צו טומער־שאַפט און ווי אַזוי מיט דעם פריצייטיקן אָפּשטעל צוליב געוויסע אורזאַכן פון דער געשלעכטלעכער ליידנשאַפט פון דער פרוי און איר דראַנג צו מוטער־שאַפט קאָן אויך פאַרקירצט און פאַרשניטן ווערן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן דאָס לעבן פון מענטש. אין דעם לעבן און טויט פון פוקסין דערזעען מיר און דערפילן די ענלעכקייט פון מענטש צו דער חיה ווי אויך זיין אַנדערשקייט — זיין חיהשקייט און איבערחיהשקייט.

די דערציילונג רעגט אויך אָן טראַכטענישן וועגן די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער. זי וואָרנט די עלטערן צו זיין זייער פאָרזיכטיג און זיך שטאַרק רעכענען מיט די געפילן פון די קינדער צו אַנדערע באַשעפענישן, וואָס צו זיי האָבן ניט די עלטערן קיין באַציונג אָדער אַן אַנדערע באַציונג פון דער וואָס די קינדער האָבן. גוט איז צו העלפן די קינדער צו אַנטוויקלען וואָס מער ליבע און רחמנות פון קינדוויייז אָן צו לעבעדיקע באַשעפענישן. ווען די קינדער ווערן עלטער טראָגן זיי אַריבער די דאָזיקע געפילן ביז אַ שטאַרקן גראַד אויף מענטשן.

נאָכדעם ווי ראָבערט ווערט פאַרטיק מיט זיין דערציילן אסתרקען וועגן דעם דאָזיקן עפּיזאָד אין זיין לעבן, זאָגט זי צו אים: דו דערציילסט אַזוי שיין, האָסט אַ גאָלדן הארץ ניט נאָר פאַר מענטשן, נאָר אויך פאַר חיות. הלוואי זאָל דיין גוטסקייט קיינמאָל נישט אַוועק פון דיר.

אין דער דערציילונג „מלחמה״ איז די העלדין אַ מעקסיקאַנער מיידל מיטן נאָמען ראָזיטאַ. די דאָזיקע דערציילונג איז אַ טיף פּסיכאָלאָגישע. עס ווערט אין איר געמאָלן די גייסטיקע איבערגעשטאָלטונג פון ראָזיטאַן, וואָס קומט פאָר אַ דאַנק אייגענטלעך צוויי מלחמות. איין מלחמה איז די צווייטע וועלט מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן ווען ראָזיטא איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, און די צווייטע איז די מלחמה, וואָס ראָזיטא האָט אָנגעפירט מיט קויפמאַנען דעם הויפּט פּרעסער פון שאַפּ אין וועלכן זי האָט געאַרבעט.

צוליב איר אויסזעען האָט זי ניט געקאָנט טראַכטן אַפילו צו קריגן אַרבעט און איר אייגענע מאַמע פלעגט איר רופן פּאַרזעעניש, און איר אויסוואָרפן, אַז אַ מויד פון צוואַנציק יאָר זאָל דאָס זיצן אין שטוב און פרעסן אומזיסטיק ברויט, און אָפּלאַכן פון איר פלעגן אַפילו אירע צוויי שוועסטער, וועלכע האָבן זיך געלערנט אַרבעטן אויף מאַשינען און ברייננגען אַ היים פּאַרמאַכטע קאָנ־ווערטעלעך מיט געלט. די מיידעלעך אין די אַרומיקע גאַסן האָבן זיך ניט געוואָלט חברן מיט איר און בחורימלעך אוודאי ניט. דער אויסברוך פון דער מלחמה ברייינגט מיט זיך אַזאַ גרויסע אנפראַגע אויף אַרבעטער, אַז ראָזיטאַן גיט זיך איין צו קריגן אַרבעט אין אַ פאַבריק. זי ווערט אַ שיק־מיידל. פון דעם טאָג

אָן וואָס זי האָט אַ היים געבראַכט דעם ערשטן מאָגערן קאָנווערטל מיט געהאַלט, צוליב וועלכן טאַטע־מאַמע און אַפילו די שוועסטער זענען ווייכער געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט אַנדערע בליקן — האָט זיך אין ראָזיטאַס הערצל איינגעקוואַטירט אַ מאָגנענדיקער באַגער צו אַרבעטן וואָס לענגערע שטונדן, פאַרדינען מער געלט, אויסקליידן זיך ווי געהעריק און ווייזן דער וועלט, אַז ראָזיטאַ איז גאָר ניט אַזאַ שלימזל ווי מען האָט אין איר אַריינ־געקלאַפּט, אַריינגעשריען און איינגערעדט״.

ראָזיטאַס אויפגאַבע אין שאַפּ איז געווען צו געפינען חסרונות אין אַ מאַנטל צי אין אַ רעקל און גיבן דאָס צו שניידער איבערצואַרבעטן אָדער די פּרעסער איבערצופּרעסן. דאָס האָט געפירט דערצו אַז די אַרבעטער, וועלכע פלעגן זיך איזדעקעווען איבער איר, זאָלן אָנהויבן זיך באַציען צו איר מיט מער רעס־פּעקט. פאַמעלעך האָט ראָזיטאַ איינגענומען כמעט אַלע אַרבעטער אין פאַבריק. דער איינציקער, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן זיין אָפּלאַכן פון איר און זיך ניט רעכענען מיט איר ווי מיט אַ מענטשן, איז געווען דער הויפּטפּרעסער קויפמאַן. ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער יונג, האָט זיך געהאַלטן גרויס מיט זיינע פעטע פאַרדינסטן, און פון אים, פון דעם שטאָלצן מאַן, האָט ראָזיטאַ געוואָלט באַמערקט ווערן. זי האָט געטראַכט אַז קוים וועט קויפמאַן אַ קוק געבן אויף איר און כאָטש זאָגן איין וואָרט, וועט דאָס זיין דער בעסטער סימן, אַז זי איז שוין אַן אַרבעטערין, אַ מענטש הייסט עס מיט אַלע מיידלעך צוגלייך.

פון די טיפסטע ווינקעלעך פון ראָזיטאַס אונטער באַוואוסטזיין טויכט אויף איר מענטשלעכער שטאָלץ און איר זעלבסטווירדע, און אַ דאַנק איר אויפגאַבע אין פאַבריק צו געפינען חסרונות אין די שוין אויסגעפּרעסטע קליידער, צווינגט זי סוף כל סוף דעם זיך גרויסהאַלטנדיקן פּרעסער צו ענדערן זיינע באַציונגען צו איר.

עס קומט דערצו, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט זי קויפמאַן צוגעריפן צום פּרעס מאַשין און אין דער שטיל געפרעגט צי עס געפעלט איר דער ערשט אויסגעפּרעסטער מאַנטל. ערשט איצט האָט ראָזיטאַ דערפילט, אַז ער איז ערנסט, אַז ער רעכנט זיך שוין מיט איר ווי מיט אַלע אַנדערע מיידלעך אין שאַפּ . . . האָבן זיך ביי איר אין די אייגעלעך טרערן געשטעלט און ענטפערנדיק אים אַז דער בגד געפעלט איר, איז זי מיט אַ געזאַנג פון נצחון אין האַרצן אַוועקגעגאַנגען אַ שמייכלדיקע, אַ צופרידענע און אַ יום טובדיקע . . .

דורך דעם טיף רעאַליסטישן מאָלן פון ראָזיטאַס געשטאַלט און דורך דעם טיפן אַריינבליק אין די אונטערבאַוואוסטזיניקע קעמערלעך פון איר נשמה קומט צום אויסדרוק דער טריאומף ביי דעם מין מענטש פון נשמה איבער גוף פון גייסט איבער מאַטעריע.

דער דאָזיקער נצחון פון דאָס העכערע איבער דעם נידעריקן אין דעם מין מענטש כאַראַקטעריזירט אַ היפּשע צאָל דערציילונגען אין דעם בוך „אויף צוואָרפענע וועגן״, און פירט דעם לייענער אויף דערהויבענע וועגן.

## מלכה חפץ טוזמאַן

# פ י צ ל

„פרויען, פלעגט ער זאָגן, זיינען — ווייסע חלה —
און אַלע
זיינען ווערט די בייטש פון היצל".

און איך האָב אים גערופן
„פּיצל".
ער האָט געלאַכט —
„גוט אַזוי:
אָן רחמנות רוף מיך פּיצל."

* * *

אַ פּנים — לענגלעך בלאַס און צוקנדיק;
היישעריקן — אויגן
ניהילירן קוקנדיק —
נאַכט נאָך נאַכט אין ליט-קאַפעי פאַרבראַכט.

ער האָט ליב געהאַט די יידיש-ליטעראַטן
און אויך פייערלעך געהאַט זיי פיינט.
— אַלצאיינס איז די הנאה
סיי פון ערשטן, סיי פון צווייטן —
אַלץ פלעגט ער מיט קורצן לאַך באַגלייטן —
„דאָס זיינען דען פּאָעטן?"
און ביי אַ טעפּל קאַווע
מאַכט ער גאַנץ ריסקעי
איינס אויף איינס קופּלעטן
איבער זיי.

ער האָט אליין געשריבן קלוגע, קורצע לידער
און מיט הנאה ווילדער זיי צעריסן —
זיך אַזוי דאָס בלוט געלאָזן
און געקילט זיך מיטן פליסן . . .

* * *

„דערצייל, דערצייל",
צאַפּלט זיך דער קליינער הויקער

אַרויף צו דעם באָהעם וואָס איז
מיט צוויי צאָל העכער.
(סאַ ריז עס איז
דער וואָס איז
מיט צוויי צאָל העכער)
און יענער דאָרט
אַנטקעגן שפּיגל
בינדט דעם קינסטלערשן קראַוואַט
פאַמעלעכקע
אָט אַקוראַט
אים אָרט ניט וואָס „זי" וואַרט
און פלעכט דערביי משונהדיקע
מאַנזבילישע זיגן.

דער קליינער שעפּט און שעפּט.
ער קראַפּקעט זיך איבער די רייד
ווי איבער קרומע שטיגן
ביז צום האַלדז האָט זיך דערקליבן
אַ הייזעריקער זשיפּן.
פלינקע פייערלעך אין אויגן
שיטן זשאַר
אויף פאַרלאָפענע צוויי ליפּן —

כ'וועל אַליין אַמאָל די „ווייסע חלה" עסן
אַלע טאָג
און דווקא
אין די הויכע פענסטער פון עקסקלוזיווע הויפן.
איך וועל קויפן".

* * *

— שמאָלע גאַסן
זיינען בלויז פאַר אומגליקלעכע נאַרן —
פּיצל איז אַנטרונען.
מען זאָגט: ער האָט אַלאַדינס לאָמפּ געפונען
און יאָגט זיך אום אויף די בולוואַרן
אין גרויסע לימוזינען.

* * *

„טהענק יו, טהענק יו, סער" —
בוקט מען זיך צום קליינינקן „לאָרד בייראָן"
ביז צו זיינע העזהדיק צעגלאַנצטע שיך
ווען זיי גייען

אַנטקעגן קאַלטע מאַסקן - מינעם
איבער וואונקען שעלמישע פון די לאַקייען
ביי די טירן פון די „קאַראָלינעס".

לאָרד בייראָן זעט ניט וואָס מע דאַרף ניט.
ער איז אויף ווערטער קאַרג און ביטער-שאַרף
און אַז מע דאַרף
איז ער מילד, פּאָעטיש עלאָקווענט
מיט פינאַנסיר, מיט ליטעראַט
און מיט גורמעי;
ער שווימט אין אַ געבלענד
פון שאַמפּאַניער, מוזיק,
סאַמעט, זייד און
ד ע ק אָ ל ט ע י . . .

יאָרן שפּעטער
אין אַ וויטער מערבדיקער שטאָט,
אויף אַ באַרגיקן געקלעטער
האָט ער אָפּגעזוכט מיין טיר
און אָט
ער זיצט אַנטקעגן מיר —
טעט-א-טעט,
צווישן אונדז
דער רויך פון סיגאַרעט
ווי די צייט וואָלט אונדז געהאַט געמיטן,
ווי קיינזאַך וואָלט זיך ניט געביטן.

„נו מיין קליינער לאָרד,
ווי גייט דיר מיט דער „ווייסער חלה"?
און זיינען אַלץ נאָך פרויען
אַ ל ע
ווערט די בייטש?"

ער האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ קרענקלעך — קרומען לאַך:
אָ, א סך, א סך,
נאָר
בלויז מיך אַליין געטראָפן האָט
די בייטש פון היצל.

„כ'בעט דיך:
רוף מיך
„פּיצל".

אבא קליגער

# אַ ליכט אין די ספערן

אין לומדישע ספרים דאָרט ווערט עס געלערנט,
ס׳איז אויך אין מאמרים פון קלוגע דערקלערט,
אַז הויך איז דער הימל מיט וועלטן באַשטערנט
פאַר אים וואָס איז וויט פון דער ערד.

איך האָב עס געגלייבט, סיי געצווייפלט אין גלויבן,
ווען מיר האָט אַ זעאונג פאַרטרויעט איין מאָל,
אַז די קענען ווערן באַזעלט און דערהויבן
וואָס זען אויך שטערן אין טאָל.

אַז מענטש איינגעוועבט איז אין ערדישן חיות,
אַז מענטש איז דער שלאָס פון זיין שטאַמיקער קייט,
מעג שווער־זיין צו שלעפּן דעם עול פון אחריות,
איז שווערער דאָס זיין אָפּגעשיידט.

און יענער וואָס גאַרטלט זיך איין מיט אַ גדר,
ער לאָזט איבער הפקר זיין אייגענעם גבול
פאַרמויערט דעם נפש אין אַ פינצטערן חדר
און וואָס פון אים בלייבט איז אַ נול.

צעפליגלט אין תהום פון פאַרנעפּלטע זונען,
אין בלויזן פון בלענדיקע וואָלקנס פאַרטון,
אַזוינער האָט שפּעט, זייער שפּעט, אויסגעפונען
אַז אַלץ איז אַ טייל פון דער זון.

דאָס מילבל, דער וואָרעם, די זאַנג איז אַ חלק,
אַ רויז און איר ריח, אַ טוי אויף אַ בלאַט.
וואָס ריין און וואָס לויטער, וואָס שיין און וואָס הייליק,
איז אייגן דעם מענטשן בפרט.

דורך טירן און שפּאַרעס צעפינקלען זיך וויטן,
אַז דיכטער דערציילן אין געהויבענעם טאָן
ווי ס׳קומען אויף בליצן אָן וועלטן צו רייטן
און קנעטן פון ערד זייער טראָן.

פארזייט זענען שטערן אויף די רוקנס פון ימען,
אויף דעכער אפילו, אויף שוועלן פון לײם;
די ערד איז א קלאנג פון די הימלשע גאמען
און האט צווישן זונען איר היים.

וואס נידער, וואס קליין, איז געהייכט און דערהויבן,
וואו טונקל, וואו גרוי, זענען לייכטער צעשטעלט;
דורך פענצטער מיט שווארץ־אנגערויכערטע שויבן
צעשיינט איז מיט וואונדער א וועלט.

אזוי האט מיט חכמה א געחלומטער שטערן
באזונגען די שטויביקע ווענט פון מיין תחום,
און איך פון דער ליד א געלייטערטער, לערן —
דער טאל און דער בארג איז א ליכט אין די ספערן
און שוועבט אין די הייכן ארום.

**מ. פערעלמוטער**

---

# אלטער וויין אין א נייעם קרוג

## וועגן אבא קליגערס נײַ בוך „דער וועג צו לייטערונג"

(די „אופאנישאדן" און „בודהא לערנט")

פאראן חלומות, בעת וועלכע דער שלאפנדיקער איז זיך געוואר, אז ער חלומט און ער רעאגירט לגבי די „געשעענישן" אנטשפרעכנדיק. די סכנות און פחדים, וואס באפאלן אים האבן נישט די געהעריקע שליטה. ער איז אימון. ער ווייסט: ס'איז חלום.

אין אונדזער „ראציאנאלער" קאטאקליזמישער תקופה לעבט דער בן אדם אין א בציבור'דיקן זעלבסט־היפנאז. ער שלאפט א קאשמאריקן אומדערוועק־לעך־טיפן שלאף. די פחדים, וואס לויערן אויף אים זענען פאר אים רעאלע. ער האט זיך פאלשטענדיק אידענטיפיצירט מיטן חלום און גרינטלעך פאר־ביטן די יוצרות: חלום איז וואר און פארקערט. איז עס, דעריבער, נאַ־טירלעך, וואס ער געפינט זיך אין א אומרעאלער וועלט און ראנגלט זיך מיט געשפענצטער.

ס'פעלן, אבער, קיינמאל נישט קיין יחידים, צעזייטע איבער גאר דער פלאנעט אונדזערער, וואס דיסקרימינירן צוו־שן חלום און וואר. אין זייערע געדעכענישן לעבט די אוראלטע און אייביק יונגע וואר. די דאזיקע יחידים זענען באזעסן פון אן אומגעזעטיקטן דראנג צו טיילן זייער וויסן מיט זייערע

מיט־מענטשן, אַנווייזנדיק אויף דער פּאַרוואָקסענער סטעזשקע, פון דזשאָנגל אַרויס.

איינער פון זיי איז דער דיכטער־מיסטיקער און טיפער קענער פון דער אַנטיקער אינדישער רעליגיעז־פילאָסאָפישער ליטעראַטור, אבא קליגער. ער האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ ספר, אין איבערזעצונג, וואָס געהערט צו די צייט־מרחקים. דאָס ספר, כאָטש שוין העכער צוויי און האַלב טויזנט יאָר אַלט, איז פריש, ווי קוואַל־וואַסער און אייביק גרין, ווי דער נאָדל־בוים. ס'דערמאַנט דעם מענטשן זיין קעניגלעכן יחוס און פירט אים אַהיים: צו זיך.

ווען אבא קליגער איז אין 1955 אַרויסגעקומען מיט זיין ערשטלינג, אַ פּאָעטישע איבערזעצונג פון דער „בהאגאוואד גיטאַ" האָט עס, בשעתו, אַרויסגערופן גרויס אויפזען און באַוואונדערונג מצד אָנגעזעענע דיכטער־שריפטשטעלער און ליטעראַטור־קריטיקער. ס'איז, באמת, געווען אן אַרבעט פון גרויס אהבה פּלוס אינספּיראַציע און קינסטלערישן טאַלאַנט.

ביידע ווערק, די „אופּאַנישאַדן" און „בודהאַ לערנט", זיינען וועלט־באַרימט און אויך־געשאַצט און ס'איז נישט שייך פאַרן רעצעזאַנט צו זינגען זיי שבחים. לאָמיר הערן, וואָס ס'האָבן וועגן זיי צו זאָגן צוויי אָטאָריטעטן:

„אין דער גאַנצער וועלט איז נישט בנימצא נאָך אַזאַ לערע, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַרדינסטפול, אַזוי דערהויבנדיק, ווי די „אופּאַנישאָדן". זיי זענען די טרייסט פון מיין לעבן, זיי וועלן זיין די טרייסט פון מיין טויט־" (שאָפּענהויער).

די „אופּאַנישאַדן" זענען אומגעהויער וויכטיק און נויטיק, אין אונדזער תקופה, פאַר יענע בני אָדמס, וועלכע באַרימען זיך מיט דער פרייהייט, וואָס זייערע פעלקער געניסן, אַ פרייהייט, וואָס ווערט באַנוצט אויפצובויען אַ פינצטערע וועלט פון ספּיריטועלער בלינדקייט, וואו די תאוהס פון גייץ און האַס באַלעבאַטעווען אומגעשטערט, האָבנדיק פאַר זייערע פאַרבינדעטע די ליגנערישע דיפּלאָמאַטיע פון ווייט־פאַרשפּרייטער פּראָפּאַגאַנדע פון שקר, וואו די נשמה איז איינגעשפּאַרט אין אַ שטייג און דער עגא פיטערט זיך אויפן פוילנדיקן פלייש פון זיינע קרבנות". (ראַבינדראַנאַט טאַגאָר).

אויב די „אופּאַנישאַדן" זיינען אומבאַקאַנט דעם יידישן לייענער און ס'פּאָדערט זיך אן אינטראָדוקציע פון „גויאישע" גדולים, קאָן מען דאָס נישט זאָגן וועגן צווייטן ווערק „בודהא לערנט". נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן פּראָפעסאָר געצל זעליקאָוויטש און, אים צו לאַנגע יאָר, א. אלמי, פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען און קאָמענטאַרן אויף בודהאַס לערע: א. אלמי — „די רייד פון בודהא", אויף יידיש, און געצל זעליקאָוויטש — „תורת בודהא" אויף העברעאיש. ביידע האָבן זייער אַרבעט געטאָן מיט גרויסער ערודיציע און פּיעטעט.

ווען אבא קליגער קומט איצט אַרויס מיט זיין בוך, איז עס נישט אַ פּרואוו צו מינימיזירן די אַרבעט אויפן זעלביקן געביט פון זיינע חשובע פאָרגייער, נייערט מוסיף צו זיין: „צוגעבן זיין אייגענע דיכטעריש־איבערזעצערישע ווערסיע.

ביי די אומות העולם איז עס אַ געוויינטלעכע דערשיינונג, כמעט אַ טראַ־

דיציע, אַז יעדעס, מער אָדער ווייניקער, אוניווערסאַל־באַרימט ווערק זאָל אי־בערגעפלאַנצט ווערן אין אַנדערע לשונות דורך אַ גוזמא איבערזעצונגען, יעדער איבערזעצער, אויב ער איז נאָר אַ קינסטלער אין זיין פאַך, גיט צו עפּעס אַ נייעם קנייטש, אַ פרישן ניואַנס, אַן אָריגינעלן אויסטייטש צום באַטרעפנדיקן ווערק. ספּעציעל איז אַזוי דער פאַל מיט פּאָעטישע, פילאָסאָפיש־אנגעהויכטע, שאַפונגען. די אינדישע מיסטיש־רעליגיעזע מעדיטאַציעס זענען, אין דעם פּרט, נישט קיין אויסנאַם. אויב שוין יאָ אַן אויסנאַם, איז עס אין אַ פאַרקערטן זין. אַ שלל מפרשים און איבערזעצער האָבן מיט אַ באַזונדערן אייפער זיך געווידעמט צו די דאָזיקע כתבים און זיי באַקאַנט געמאַכט אויף אַלע „שבעים לשונות" צו גאָר דער וועלט. אונדזער יידיש לשון איז צו דעם־אָ רייך־באַלאַדענעם טיש געקומען צום שפּעטסטן און גראַד איז די יידישע שפּראַך, צוליב איר ביבליש־תהילימדיקן קלימאַט, טייטש־חומש׳דיקן אַראָמאַט און פּרק׳אָבותדיקער אַלע־גאָרישקייט, ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַ תרגום אויף די אינדישע כתבי קודש, וועלכע זענען אנגעפּראָפּט סיי מיט וואָקאַבולאַרישע, סיי מיט אינהאַלטלעכע אַסאָסיאַציעס לגבי יידיש:

אַזוי, אַז וואָס שייך די „אופּאַנישאַדן", איז אבא קליגער אַ פּיאָ־נער אויפן יידיש איבערזעצערישן פעלד, ביז אַ געוויסן גראַד, — דערפאַר: מחמת דאָ און דאָרט זענען יאָ דערשינען אילאַזירטע פּרוואוון אין דעם פּרט. אויך א. אלמי האָט אין זיין בוך „אויפן וועג צו די געטער", צווישן אַנדערע אָריענטאַליש־פּאָעטישע מוסטערן, געגעבן עטלעכע פון די אופּאַנישאַדן. אין אַ באַזונדערן בוך, אָבער, און אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, ווי דאָס טוט אבא קליגער, זענען די אופּאַנישאַדן ביז איצט נישט דערשינען.

אָבער וואָס האָט אבא קליגער מיט זיין שפּאָגל־נייער איבערזעצונג, סיי פון בודהאָס לערע, סיי פון די אופּאַנישאַדן מחדש געווען?

ווען מיר לייענען זיין אריינפיר, וואו ער באַקאַנט אונדז מיט דעם אויפ־קום פון די אופּאַנישאַדן און זייער גייסטיקער השפּעה אויפן מענטשן און אויך מיט די ביאָגראַפישע פּרטים פון בודהאָס פּערזענלעכקייט און די היסטאָריש־כראָנאָלאָגישע אַספּעקטן פון זיין תורה, ווערן מיר אַריינגעצויגן אין אַ ספער פון קדושה און התרוממות: אַ מצב פון אינערלעכער דערוואַכונג און לאָסט־באַפרייאונג. דעם מחברס ליריש־אינספּיראַציאנעלער סטיל און לשון רייסט אונדז מיט און מיר מאַכן דורך אַ טראַנסצענדענטאַלע פאַרוואַנדלונג. מיר באַמערקן נישט, ווי פון פּרוזדור־אריינפיר האָבן מיר אריינשפּאַצירט אין היכל גופא — די רייד פון בודהא — און די כמו־מחיצה איז קיין מחיצה נישט: דער אריינפיר ווערט אַן אינטעגראַלער טייל פון גאַנצן ספר.

די דאָזיקע מערקווירדיקע דערפאַרונג ביים לייענען דעם אריינפיר קליגערס, איז סימפּטאָמאַטיש, — זי איז דער שליסל צו דער ספּעציפישער אייגנפּנימדיקייט פון דער איבערזעצונג: אבא קליגער איז נישט סתם אַן אָביעקטיוו־אינטעלעק־טועלער איבערזעצער, — ער איז מער, ווי דאָס: ער איז אַ נוגע בדבר.

ס׳איז קלאָר: צו די איבערזעצונגען פון די אינדישע הייליקע שריפטן, קען

מען נישט צוגיין בלויז עקזאַטעריש־אינטעלעקטועל. ס׳איז נישט, ווי ביי דער פינישער קאַלעוואַלע, אָדער ליטווישער דוינע. די עפּיקס פון לעצטן סאָרט פאָדערן בלויז אַ קוואַליפיצירטן איבערזעצער מיט אַ חוש פאַר שפּראַך און מיט אַ געאיבטער שרייבערישער טעכניק. אַנדערש איז עס מיט אַזעלכע שאַפונגען, ווי די „אופּאַנישאַדן" און „בודהאַס רייד". דאָ דאַרף מען איבערזעצן נישט די ווערטער, נייערט דעם זין פון די ווערטער. יענער, וואָס פאַרמאָגט נישט די אינטואיציע דאַצו, די נויטיקע אינספּיראַציע, מעג ער זיין דער קוואַליפיצירסטער פאַכמאַן, וועט קיינמאָל נישט זיין ביכולת איבערצוגעבן דעם עזאָטערישן עסענץ פון די אַלט־אינדישע כתבי קודש. דער דאָזיקער רעקוויזיט איז, נאַטירלעך, חל אויך אויף יעדער פּאָעטישע יצירה, — על אחת כמה וכמה איז עס חל אויף אינספּירירטע הייליקע ווערק.

ביי אבא קליגער איז די איבערזעצונג פון די אינדישע ספרים אַ מלאכת הקודש. ער וועגט און מעסט יעדן וואָרט, יעדע זילב מיט גרויס אחרית און ערפוכט, איידער ער קלייד עס אָן אין נייעם לבוש. ער איז, ווי דער סופר, וואָס רייניקט זיך קערפּערלעך און גייסטיק, איידער ער רירט זיך צו מיט זיין געבדזוענער פעדער צום הייליקן פאַרמעט. די דאָזיקע באַציאונג זיינע צו די אינדישע שריפטן באַפליגלען זיין פּאָעטישע אינטואיציע און די סטראָפן, פּרקים און קאַפּיטלען ווערן פון אים גרויס־מייסטעריש איבערגעדיכטעט און זיי צעזינגען זיך מיט מתיקות׳דיקע טענער, אַקוראַט, ווי זיי וואָלטן נאָך געטראָגן זייערע אייגענע, אָריגינעלע בגדים (פּאַלי און סאַנסקריט) און נישט, ווי זיי זענען פאַקטיש: אַן איבערזעצונג פון אַן איבערזעצונג. דאָס איז דער כוח פון אַן אינספּירירטן דיכטער — א נוגע בדבר.

די דאָזיקע נוגעשאַפט פלוס טיפער בקיאות אין שייכות מיט די אינדישע שאַפונגען דערמעגלעכן אויך קליגערן זיך צו אָריענטירן אין אַן אַלטער חלקי דעות בנוגע בודיזם. כידוע ווערט בודהא אויסגעטייטשט פון געוויסע מערבדיקע קאָמענטאַטאָרס, ווי אַן אַטעאיסט. אויך „בירוואַנאַ", אין בודיסטישער טערמינאָלאָגיע, ווערט פון זיי געטייטשט, ווי אַן אומפּאַראַנענקייט: אַ נעגאַטיווער אַבסאָלוט. די דאָזיקע קאָמענטאַטאָרס באַגרינדן זייער היפּאָטעטישע טעאָריע אויפן פאַקט, וואָס בודהא האָט קיינמאָל נישט דערמאַנט דאָס וואָרט גאָט. די אינדישע מפרשים, מיט קליינע אויסנאַמען, באַשטרייטן די דאָזיקע היפּאָטעזע: דער רעזערווירטער פאַרשווייגן דאָס וואָרט גאָט איז, לויט זייער אויפפאַס, געווען אַן אויסגערעכנטער אויפטו מצד בודהאַן. ער האָט דאָמיט באַצוועקט צו דעמאָקראַטיזירן די פילאָסאָפיע פון די אופּאַנישאַדן, מאַכנדיק זי צוגאַנגלעך פאַר די ברייטע פאָלקסמאַסן, פאַר וועלכע די אַבסטראַקטע באַגריפן וועגן גאָטהייט זענען געווען אומדערגרייכלעך. ביז אים זענען די דאָזיקע כתבים געווען דער אויסשליסלעכער מאָנאָפּאָל פון דער עליטע — אַ באַגרענעצטער קרייז פון יחידי סגולה. דער היסטאָרישער בודיזם, לכן, מיינט דער פאַרשפּרייט פון די אופּאַנישאַדן צווישן פאָלק.

חוץ לזה: די דריי (3) יסודות פון די אופּאַנישאַדן (סאַמסאַראַ, קאַרמאַ

און מאַקשאַ) זענען אויך די יסודות פון בודיזם, אַזוי, אַז די צוויי שיטות זענען זיך, על פּי די אינדישע מפרשים, ניט סותר און באין אופן נישט אַנטאַגאָניסטיש. אדרבא — זיי דערגאַנצן זיך איינס ס׳אַנדערע.

וואָס שייך דעם נעגאַטיוון אוסטייטש פונם טערמין „נירוואַנאַ״, ווערט ער אָפּגעשלאָגן מצד די זעלביקע מפרשים מיט דער באַוואוסטער מימרא פון בודהאַן: „איך בין נישט געקומען פּרעדיקן טויט, נייערט אומאויפהערלעך לעבן״, — דאָס מיינט אַז זיין „נירוואַנאַ״ איז אַ פּאָזיטיווער אַבסאָלוט. אַ מצב פון פּערפעקטער רו און גליקזעליקייט. אַזויערנאָך איז כפירה אין ש ייכות מיט בודהאַן אויסגעשלאָסן.

אין דער דאָזיקער שקלא וטריא שטעלט זיך קליגער אויפן צד פון די הינדוסן און ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס ער האָט מצרף געווען די אופּאַנישאַדן צו בודהאָס תורה און זיי ביידן איינקוואַרטירט אונטער איין דאַך.

אין סך הכל: אבא קליגער, דער פיינער פּאָעט און מיסטיקער האָט באַוויזן איבערצוגיסן דעם אַלט־אינדישן הכמה־ווייַן, דעם מהשיש בו, אין אַ נייעם פּרעכטיקן, קנקן, אין אונדזער וואונדערלעכן מאָדערנעם יידיש, און די יידישע ליטעראַטור איז, אַזויערנאָך, באַרייכערט געוואָרן מיט צוויי ווערטפולע, וואָגיקע ווערק, פאַראייניקט אין איין ספר, „דער וועג צו לייטערונג״.

*) סאַמסאַראַ: דער אָקעאַן פון געבורט און טויט. פאַרגאַנגלעכקייט. הבל הבלים וועלט.
קארמא: מאָראַלישער נאַטור־געזעץ פון סיבה און פועל יוצא. דער אָפּצאָל פאַר אָפּגעטאָנענע מעשים, — אַ פּראָצעס, וואָס אָפּערירט פון גילגול צו גילגול, ביז
מאָקשאַ: אַנטגילטיקע באַפרייאונג פון דער נשמה פונם ציקל פון געבורט און טויט און דערגרייך צו נירוואַנאַ.

---

**נח גאָלדבערג**

# אַ פאַרשעמטע מטבע

## דערציילונג

(אין ליכטיקן אנדיינק דעם דיכטער פון מיין געמיט, ה. רויזענבלאַט, ע״ה)

בדרך כלל זיינען יידן ניט קיין נקמה נעמער. די דאָזיקע „שיינע מידה״ איז גאָר איינגעשטאַנען ביי „זיי״ אויף „לאָזשי״ פון דור־דורות! . . . נאָר אויף יוסף הארעליק, אויף אָט דעם אַלטן בחור מיט די שמאָלע, טרוכלעוואַטע פּלייצקעס, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן צירונג צו פריוואַטע קונדן, אויף דעם פאַרשוין קאָן מען זאָגן, איז געווען אַ מצווה וואָס ער האָט פאַרלוירן אַזאַ גרויסע מאַטביע מיט געלט . . . און די מצווה ווערט נאָך גרעסער שוין דערמיט אליין, וואָס די גאַנצע מעשה איז אַרויסגעקומען צוליב זיין כיטרעקייט און אומצוטרוי.

און מאָקשאַ) זענען אויך די יסודות פון בודיזם, אַזוי, אַז די צוויי שיטות זענען זיך, על פי די אינדישע מפרשים, ניט סותר און באין אופן נישט אַנטאַגאָניסטיש. אדרבא — זיי דערגאַנצן זיך איינס ס׳אַנדערע.

וואָס שייך דעם נעגאַטיוון אוסטייטש פונם טערמין „נירוואַנאַ״, ווערט ער אָפּגעשלאָגן מצד די זעלביקע מפרשים מיט דער באַוואוסטער מימרא פון בודהאן: „איך בין נישט געקומען פרעדיקן טויט, נייערט אומאויפהערלעך לעבן״, — דאָס מיינט אַז זיין „נירוואַנאַ״ איז אַ פּאָזיטיווער אַבסאָלוט. אַ מצב פון פּערפעקטער רו און גליקזעליקייט. אַזוינערהאַלבן איז כפירה אין ש ייכות מיט בודהאן אויסגעשלאָסן.

אין דער דאָזיקער שקלא וטריא שטעלט זיך קליגער אויפן צד פון די הינדוסן און ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס ער האָט מצרף געווען די אופּאַנישאַדן צו בודהאָס תורה און זיי ביידן איינקוואַרטירט אונטער איין דאַך.

אין סך הכל: אבא קליגער, דער פיינער פּאָעט און מיסטיקער האָט באַוויזן איבערצוגיסן דעם אַלט־אינדישן הכמה־וויין, דעם מהשיש בו, אין אַ נייעם פּרעכטיקן, קנקן, אין אונדזער וואונדערלעכן מאָדערנעם יידיש, און די יידישע ליטעראַטור איז, אַזויערנאָך, באַרייכערט געוואָרן מיט צוויי ווערטפולע, וואָגיקע ווערק, פאַראייניקט אין איין ספר, „דער וועג צו לייטערונג״.

*) סאַמסאַראַ: דער אָקעאַן פון געבורט און טויט. פאַרגאַנגלעכקייט. הבל הבלים וועלט.
קאַרמאַ: מאָראַלישער נאַטור־געזעץ פון סיבה און פועל יוצא. דער אָפּצאָל פאַר אָפּגעטאָנענע מעשים, — אַ פּראָצעס, וואָס אָפּעריִרט פון גילגול צו גילגול, ביז
מאָקשאַ: אַנטגילטיקע באַפרייאונג פון דער נשמה פונם ציקל פון געבורט און טויט און דערגרייך צו נירוואַנאַ.

---

נח גאָלדבערג

# אַ פאַרשעמטע מטבע

## דערציילונג

(אין ליכטיקן אנדיינק דעם דיכטער פון מיין געמיט, ה. רויזענבלאַט, ע״ה)

בדרך כלל זיינען יידן ניט קיין נקמה נעמער. די דאָזיקע „שיינע מידה״ איז גאָר איינגעשטאַנען ביי „זיי״ אויף „לאזשי״ פון דור־דורות! . . . נאָר אויף יוסף הארעליק, אויף אָט דעם אַלטן בחור מיט די שמאָלע, טרוכלעוואַטע פּלייצקעס, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן צירונג צו פריוואַטע קונדן, אויף דעם פאַרשוין קאָן מען זאָגן, איז געווען אַ מצווה וואָס ער האָט פאַרלוירן אַזאַ גרויסע מאַטביא מיט געלט . . . און די מצווה ווערט נאָך גרעסער שוין דערמיט אליין, וואָס די גאַנצע מעשה איז אַרויסגעקומען צוליב זיין ביטערקייט און אומצוטרוי.

ווײַלע דעם היזק האָט ער זײַער גרינג געקאָנט אויסמײַדן ווען ניט דאָס, וואָס יוסף'ן האָט זיך פֿאַרוואָלט אַרײַנקלײַבן, אַלס קוואַרטיראַנט, אין דער גרין געפּאַרבטער הויז, מיט די הויכע און ברייטע פֿענצטער צום גאַס, און געהייסן אויף איינגליש: „לייק־ארמס" מעבעלירטע צימערן.

אמת, פֿון דעם צימערל, וואו יוסף האָט געוואוינט אַכצן יאָר, און געקאָנט אויף אויסווייניק יעדן סקריפּ און קרעכץ פֿון דעם הילצערנעם דיל, פֿון דער שמאָלער, געלער טיר ביים עפֿענען זי און פֿאַרמאַכן — האָט ער זיך געמוזט אַרויסציִען, מחמת די באַלעבאָסטע האָט פֿאַרקויפֿט די שטוב צו אַן אַנדער בעל־הגוף און דער נייער באַלעבאָס האָט געדאַרפֿט האָבן יעדן חדר און חדרל פֿאַר זײַן גרויסער משפּחה.

פֿאַרשטייט זיך שוין, אַז יוסף האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און אַוועקגעלאָזט זיך איבערן שטאָט זוכן אַ נײַע וואוינונג, וואָס זאָל זײַן צוגעפּאַסט סיי צו זײַן געשמאַק און סיי צו זײַן קעשענע. כאָטש פֿונם אַרומגיין אין די פֿאַבריקן, אין די „שעפּער" און איבערהויפּט — צווישן באַקאַנטע אין די היימען און פֿאַרקויפֿן זיי מענער און פֿרויען זייגערלעך, רינגעלעך, מיט די־מאַנטן, צי אַן דימאַנטן, האָט ער פֿאַרדינט גאַנץ נישקשהדיק און אין באַנק געהאַט אַ היבשע אפּותיקי.

וואָלט דאָס אַלץ געוויס ניט אויסגעמאַכט ווען יוסף וואָלט געווען אַ מענטש מיט מענטשן צו גלייך און ניט געהאַט אין זיך אַזאַ מין קמצנותדיקע באַטור, וואָס אַ חוץ זײַן קאַרגשאַפֿט, איז ער נאָך געווען דורכגעפּרעסן פֿון אומצו־טרוי צו אַלץ און צו אַלעמען. אים האָט זיך כסדר אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועט מען אים באַפֿאַלן, באַרויבן, צי גלאַט אַזוי זיך אויסליידיקן די קעשענעס וואו ער האָט אַלעמאָל געהאַט כמעט אַ גאַנצע קראָם מיט סחורה צום פֿאַר־קויפֿן.

ס'איז מעגליך, אַז צוליב דער „קראָם" האָט ער נאָך מיט אַ צייט צוריק געלאָזט ביי אַ שניידער אויפֿנייען זיך אַן אנצוג פֿון „שטאַרקן" געוואַנט און דערצו — מיט אַזעלכע קעשענעס, וועגן וועלכע מען וועט זיך דאַרפֿן אָפּשטעלן אַביסעלע ווייטער. ווײַלע גראַדע דאָ, אויף דעם אָרט — מוז מען דערציילן, אַז יוסף איז געווען אַ נידעריק געוויקסיגער, אַ דאַרער און אַ זשוואָווער, און דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַזעלכע רויטע שפּיץ־בעקעלעך, וואָס האָבן בשום־אופֿן ניט אויסגעזאָגט דעם אמת ווי אַלט ער איז געווען: פֿערציק צי זעכציק!...

זײַנע דאַרע, פֿאַר זײַן געבוי, צו לאַנגע הענט, האָט ער שטענדיק כמעט געהאַלטן ביי זיך אין די הויזן קעשענעס, וואָס זײַנען פֿון אויבן, ביי די עפֿע־נונגען, געווען שמאָלע און סקאָסנע, כדי פֿרעמדע פֿלינקע פֿינגער זאָלן אַהין ניט פֿאַרבלאָנדזשען... אָבער, אינווייניק זײַנען זיי געווען געמאַכט פֿון שטייפֿן האָלענדישן לייוונט און דערצו — טיפֿע און אַזעלכע ברייטע ווי אַרע־מאַנסקע טאָרבעס...

אין דער רעכטער קעשענע איז געלעגן אַ קלײנער, שוואַרצער טייסטערל, מיט צוויי ניקעלנע קעפּעלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרקנאַקט אַזוי הילכיק, אַז דאָס

שלעסל האָט געמאַכט אַ „גוואַלד!" און ווערליק זיינע סאָפּראַנענע קולות איז מען געקומען צום שלוס, אַז דאָס טייסטערל איז געטריי דעם באַלעבנס, פאַר־מאָגט אַפילו יוסף׳ס שטריכן אין זיך, און האָט פיינט ווען מען עפנט אים אַלע ווילע . . . צווייטנס, זיינען דאָרטן אין פוכקע שמאַטקעלעך געלעגן גילדערנע און באַגילדערטע פּרויען און מענער זייגערלעך, און די שמאַטקעלעך זיינען געווען אַ סגולה, אַז די זייגערלעך זאָלן חלילה ניט צעקראַצן די גלאַטע בע־קעלעך זיך ניט מולין דעם צירונג העגדלער אין פּלייש ביים גיין.

ביי יוסף׳ן אין דער צווייטער קעשענע האָבן זיך געפונען אַ פּאָר שאַכ־טעלעך מיט אויסגעקאַרבטע „ציינדעלעך" און באַדעקטע מיט רויטן פּלוש. אין זיי האָבן געשטעקט כל־המינים רינגעלעך פון ווייסן און געלן גאָלד. פונדאַנען האָט מען געקאָנט אויסקלייבן אויסגעגראַווירטע רינגעלעך אין פאַרשיידענע אוזאָרן און אַפילו — גלאַטע חופּה־רינגעלעך פאַר אָרעמע כלות, וועמעס חתנים האָבן נעבעך ניט געהאַט קיין מזומן צו קויפן דאָס אין אַן אמתן צירונג־געשעפט און געמוזט אָנקומען צו יוסף׳ן, אַז ער זאָל זיי געבן די צירונג אויף אויס־צאָלן אין וואָכערדיקע ראַטעס פון וועלכע די יונגעלייטלעך האָבן זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אויסצאָלן . . .

נאָר וואָס איז שייך יוסף׳ן אַליין, איז זיין קליידונג שטענדיק געווען אַ ציכטיקע. דער גרויער אַנצוג, פון „שטאַרקן וואָל", איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן. אמת, שוין ניט קיין נייער ,אָבער, דערפאַר — אַן איין פלעק אויף זיך, ווי דאָס פלעגט אָפט טרעפן ביי אַלטע בחורים, וואָס זיינען געווען שווער אויף דער מטבע. זיין ווייסע איבערהעמד מיטן געשטרייפלטן שניפּסל — אויס־געפּרעסט. די הויזן האָבן פון פאָרנט געפּאַכעט מיט צוויי שאַרפע קנייטשן. כאָטש ער האָט די קליידער זעלטן אַריינגעטראָגן צו אַ שניידער רייניקן און פּרעסן. געגומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס מיט עטליכע יאָרן צוריק האָט ער איינגעהאַנדלט אַ געניצטן, עלעקטרישן פּרעס און איינגעשפּאָרט זיך אַ סך געלט.

נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דאַרף מען צוגעבן, אַז צוליב זיין ציכטיקן הלוך און שמייכלענדיקן פּנימל, האָט ער אַלעמאָל אויסגענומען ביי זיינע קונדן, צו וועמען ער פלעגט ווי „אַריינפאַלן" צופעליק . . . נאָר אין עצם: אויסן געווען עפּעס אַנדערש און אַ חוץ דעם „עפּעס אַנדערש" — געהאַט דערביי אַ הינטער־געדאַנק אויך. ווילע אויב דאָס איז געווען ביי אַ קונה אין דערהיים: אָפּעסן דאָרטן אַ געשמאַקן וואָרעמס, צי אַ לאַנגע וועטשערע, וואָס אין דעם ביליקסטן רעסטאָראַן אַפילו וואָלט דאָס אים זיכער געקאָסט אַ גאַנצער דאָלער און אפשר טאַקע אַביסעלע מער . . .

איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז איצט, בעתן זוכן אַ נייע דירה, איז אים אסור אָנגעקומען שווער צו געפינען אַ ריכטיקע קוואַרטיר. אַפילו אַ סך שע־נערע און באַקוועמערע איידער די ביז היינטיקע. נאָר די צרה איז געווען מיט די פּרייזן. ווילע וואו ער האָט געעפנט אַ טיר, האָט מען געבעטן אַ סך מער ווי די איין און צוואַנציק דאָלער אַ חודש, וואָס ער האָט געצאָלט ביז אַהער.

דערפאַר האָט זיך, דאָס זוכן אַ דירה געצויגן אַזוי לאַנג ביז אין איינעם אַ בייטאָג, ווען יוסף האָט דערזען אַ פרישן פּאַפּירענעם שילדל אויף אַ וואַנט פון אַ גרין געפאַרבטער הויז, וואָס האָט מיט אומגעלומפּערטע שוואַרצע אותות געלאָזט וויסן, אַז „דאָ פאַרדינגט זיך אַ צימער בלויז פאַר אַ מאַן" . . .

אַפריער איז יוסף פאַרביי געגאַנגען עטלעכע מאָל דאָס הויז. פון דרויסן האָט ער געוואָלט דערקונדיקן זיך וואָס פאַראַ שטוב דאָס איז, צי ס׳קומען אַהין ניט אַריין, אָדער גייען אַרויס שיכורים, גאַסן־פרויען, צי ס׳הערט זיך ניט פון אינווייניק אַרויס קיינע קולות, אָדער אומפּאַסיקע רייד. ווען ער האָט זיך איבערצייגט אויף הונדערט פּראָצענט, אַז דאָס איז אַ שטילע הויז, האָט ער ארויפגעצייגן דעם פּאַרטיקן, סוחרישן שמייכעלע אויפן פּנימל, מיט גיכע טריט־לעך אַרויפגעגאַנגען די פּאָר טרעפּלעך און אַ דריק געטאָן דאָס קיילעכדיק קנאָפּקעלע פון גלעקל.

די ברייטע דעמבענע טיר, מיט די צוויי פּיטשינקע געשליפענע פענצטער־לעך פון דיקן גלאָז אין דערמיטן, האָט זיך צעפּראַלט און פאַר יוסף׳ן איז שטיין געבליבן אַ מיטליעריקע פרוי מיט אַ ליבליכן שמייכל אין אירע ברוינע, גוט־מוטיקע אויגן:

— האַלאָ! וואָס קאָן איך טאָן פון אייערטוועגן?

דעם אַלטן בחור איז אַ יוגנטלעכער געדאַנק אָנגעלאָפן: „זייער אַ שיינע און אַנגענעמע פרוי . . . אַמאָל וואָלט ער . . . מילא נו? . . . דעם ניט אַרויס־געזאָגטן געדאַנק האָט ער פאַרטריבן פון זיך און אָנגעהויבן שטאַמלען גאַר ניט לויט זיין טבע:

— איך — איך האָב געוואָלט זען דעם צימער וואָס איר האָט צו פאַר־דינגען . . .

מיט אַ גיכן בליק האָט אים די שיינע דאַמע דורכגענומען דורך און דורך און דער שמייכל, וואָס האָט זיך איצט צעגאָסן אַרום אירע פליישיק, תאוהדיקע ליפּן — איז נאָך ברייטער געוואָרן:

— מיט פאַרגעניגן . . . קומט אַרויף וועל איך אים אייך ווייזן. דער צימער איז אויפן צווייטן שטאָק. דעם ערשטן פאַרנעם איך מיט מיינע קינדער. צוויי מיידלעך און איין בחורל. מיין מאַן איז געשטאָרבן מיט זעקס יאָר צוריק . . . ביי מיר איז אַן אַנשטענדיקע הויז . . . איך דערלויב ניט קיינע וואולגאַרע אויפירונגען און די ראַדיאָ טאָר מען ניט שפּילן צו הויך, אָדער נאָך צען אַזייגער ביינאַכט . . .

דעם צירונג הענדלער איז אויסגעקומען זייער מאָדנע צו הערן די אָנצו־הערענישן, מיט די ווייטע און קאַלטע רייד, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פונם זעלביקן תאוהדיקן מויל און בכלל האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין: „פונוואַנען האָט זיך צו דער ליבער פרוי גענומען אַזאַ מענה־לשון?" . . . פונדעסטוועגן האָט ער איר געענטפערט אינם זעלביקן טאָן, ווי פריער:

— דעם אמת געזאָגט, מיין ליבע פרוי, זוך איך טאַקע אַזאַ שטוב . . . איך

האָב פּיינט טומל, אָדער שטערן עמיצן. איך האָב ליב רואיקייט . . . אין מיין איצטיקער דירה וואוין איך שוין איבער אַכצן יאָר.

זיי זיינען דערוויילע אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן עטאַזש. אַ צופרידענע האָט די פרוי אויפגעשלאָסן אַ ווייסע טיר און פאַר יוסף׳ס אויגן האָבן אַ בליאַסק געטאָן צוויי בלאַנקענדיקע פענצטער אין וועלכע די זון האָט אַריינגעשליידערט פולע זשמעניעס מיט גאָלדערנע לענטעס. די ברייטע בעט איז געווען פאַר־שפּרייט מיט אַן אויסגעשטיקטער, ראָזעווער אויבער־דעק, אונטער וועלכער ס׳האָט זיך אַרויסגעבלייכט אַ ווייסער ליילעך און צוויי שפּיצן פון אַ פּוכנער קישן, וואָס האָבן געמאַניעט יוסף׳ס קאָפּ: אַוועקצולייגן זיך אויפן בעט אָפּרוען. ביי איינער פון די פענצטער איז געשטאַנען אַ געפּאַנירטער שרייב־טישל. דער־ביי — אַן אויסגעבעטע, באַקוועמע שטול און אַ הויכער שטיי־לאָמפּ מיט אַ בלויען אַבאַזשור.

דער גאַנצער צימער האָט געאָטעמט מיט היימישער וואַרעמקייט. יוסף׳ן איז ער גלייך געפעלן געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז די באַלעבאַסטע וועט פאַר־לאַנגען אַ פינף און דרייסיק, צי טאַקע די גאַנצע פערציק דאָלער אַ חודש און אים האָט שוין וויי־געטאָן דאָס האַרץ, וואָס ער וועט דאַרפן אָפּלאָזן אַזאַ פיינע קוואַרטיר:

— וויפיל קאָסט דאָס? . . .

פון דער פראַגע איז איר תאוהדער שמייכל דינער און בלאַסער געוואָרן אַרום די פולע ליפּן. איצט האָט אים די פרוי באַטראַכט אַביסעלע לענגער ווי פריער:

— איר זאָגט, אַז איר וואוינט שוין אַכצן יאָר אין דער זעלבער דירה? נו־גוט! וועל איך אייך זאָגן דעם אמת, אַז פאַר דעם צימער נעם איך דרייסיק דאָלער אַ מאָנאַט. נאָר ווי איך זע: — זיינט איר אַ ציכטיקער מאַן . . . איר זיינט מיר געפעלן . . . מסתמא וועט איר אים האלטן ריין. דערפאַר וועל איך דאָס אייך אַוועקגעבן פאַר זיבן און צוואַנציק . . .

יוסף האָט שוין אריינגעלעגט די האַנט אין קעשענע. געוואָלט אַרויסנעמען פון דאָרטן דעם טייסטערל און באַצאָלן, נאָר אין דער לעצטער רגע באַקלערט זיך: „וואָס הייסט ער וועט די־ניט־מיר־ניט נעמען אַ צימער ביי אַ פרוי, וואָס ער ווייסט ניט ווער זי איז און ווער ס׳זיינען אירע אַנדערע קוואַרטיראַנטן? . . . ס׳איז דאָך מעגליך, אַז זיי זיינען ניט קיין ערלעכע און וועלן זיך אַריינרייסן צו אים אין צימער, אַרויסגנבענען אַ זייגערל, אַ רינגעלע, צי אַ טייערן בראַס־לעט״? . . . ניין!

ער טאָר זיך ניט כאַפּן מיטן באַצאָלן. אמת טאַקע די דירה איז אים גלייך איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. אָבער כאַפּן?, דאָס ניט!:

— ס׳איז אַביסל צו טייער . . . נאָר מיר׳ן זען . . . כ׳וועל קומען מאָרגן נאָכאַמאָל, אָבער איידער איך גיי איצט אַוועק האָב איך געוואָלט זען דעם וואַש־צימער . . .

ער האָט דאָס געזאָגט מיט דער כוונה, אַז ביים גיין אַהין, וועט ער דאָך

במילא דאַרפֿן דורכשפּאַנען די גאַנצע לייַנג פֿונם קאָרידאָר. דאָס וועט אים אויסזאָגן וויפֿיל טירן עס זייַנען דאָרטן דאָ אויף דעם עטאַזש און ווערליק די טירן — וועט ער וויסן גענוי די צאָל קוואַרטיראַנטן . . .

די גוטע באַלעבאָסטע האָט דערווייַלע צוריק פֿאַרשלאָסן דעם שלאָף־צימער און איז אַפֿילו אויף אַ האָר ניט איבעראַשט און באַליידיקט געוואָרן פֿון זייַנע רייד :

— דעם וואַש־צימער קאָנט איר זען אַליין. דאָס איז די לעצטע טיר אין קאָרידאָר. אַנטשולדיקט וואָס איך קאָן דאָ לייַנגער ניט שטיין און ריידן מיט אייַך . . . ביי מיר אויפֿן אויוון קאָכט זיך וועטשערע פֿאַר די קינדער. זיי עסן אַלעמאָל אין צייַט, מוז איך צוריקגיין אין קיך. אויב איר ווילט, קאָנט איר קומען מאָרגן. גראַדע איז מיר געפֿעלן אייַער ניט איילן זיך . . . ס'באַווייַזט, אַז איר זייַנט אַן אויסגערעכנטער מענטש און טוט ניט זאַכן גלאַט אין דער וועלט אַריין . . .

פֿון דעם פּלוצימדיקן קאָמפּלימענט האָט זיך יוסף נאָך מער פֿאַרוויטלט. אַ ווײַלע געקוקט אויף דער באַלעבאָסטע, וואָס ביים אַראָפּגיין אויף די שטיגן — איז זי מיט יעדן אַראָפּשטעלן אַ פֿוס געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער און יוסף — אַלץ העכער און העכער. ווען זי איז אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן פֿון זייַנע שאַרפֿע קוקער'ס, האָט ער געעפֿנט די טיר פֿון באַד־צימער און אַריין אינוועניק.

דאָס געשליפֿענע שפּיגל האָט אים אַ רגע באַקוקט פֿון אַלע זייַטן און פֿון דאָרטן צוריקגעוואָרפֿן זייַן בידעריקע פֿיגור, מיט די שיטערע, גרוילעכע האָר אויפֿן קאָפּ, צוזאַמען מיטן האָרבעוואַטן נאָז און די גלאַנציק, רויטע בעקעלעך, וואָס זייַנען אים געקומען פֿון צופֿיל זון און פֿרישער לופֿט.

אונטער דעם שפּיגל איז געשטאַנען אַ שוואַרצער, מאַרמאָרנער וואַש־באַסיין. פֿון אים האָבן אַרויסגעשטאַלצירט צוויי ניקלענע, אָפּגעשייערטע קראַנען. אויף איין ברעג־באַסיין איז געלעגן אַ קיילעכל רויטע־שמינקע, וואָס אַ מיידל, אַ קוואַרטיראַנטקע, האָט מסתמא אינדערפֿרי ביים וואַשן און פּוצן זיך — פֿאַרגעסן מיטצונעמען. אויך דאָ האָט פֿון אומעטום געפֿינקלט פֿון ריינקייט און יוסף האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז די דירה וועט ער ניט אָוועקלאָזן, אָבער? . . . אַפֿריער האָט ער געוואָלט אויסגעפֿינען צי די מענטשן, וואָס וואוינען דאָ וועלן עפּעס ניט צוגבבענען ביי אים. נאָר וויאַזוי טוט מען דאָס? . . .

דער געדאַנק האָט אים געמאַטערט אַזוי לאַנג, ביז זייַן בליק איז געפֿאַלן אויף דעם קיילעכל שמינקע און זייער אַ מאָדנער פּלאַן איז אים אייַנגעפֿאַלן, וואָס אַ מענטש'ן מיט אַ גראַדיקן שכל וואָלט דאָס גאָר קיינמאָל אויפֿן געדאַנק ניט געקומען. און, יוסף האָט ניט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער עקלדיקער פּלאַן וועט אָוועקשטעלן אַנדערע שכנים אין פֿאַרלעגנהייט, צי גאָר — פֿאַר אַ נסיון . . .

און ווייל יוסף האָט געדאַרפֿט וויסן מיט וואָס פֿאַראַ מענטשן ער וועט וואוינען אונטער איין דאַך, האָט ער איצט אַרויסגעצויגן דעם שוואַרצן, רימענעם טייסטערל פֿון דער שמאָלער און סקאַסנער קעשענע. מיט ציטערדיקע פֿינגער אויפֿגעמאַכט דעם שלעסל, אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ פֿינף און צוואַנציק סענ־

טיקע מטבע, אַ לייִנגערע ווײַלע געקוקט אויף דעם, ווי ער וואָלט זיך ניט וועלן שיידן דערמיט. דערנאָך — איין זייט פֿאַרשמירט מיט דער שמינקע און מיטן רייבעם זייט אויף אַרויף — אָוועקגעלייגט אויפֿן שוואַרצן, מאַרמאַרנעם וואַש־באַסיין און געקלערט: אויב מען וועט צונעמען די מטבע וועט דאָס זיין אַ באַווייז, אַז ער טאָר זיך אַהער ניט אַריינציִען און טאָמער ניט — איז אדרבה־ואדרבה! . . .

אמת טאַקע, אַז די פֿינף און צוואַנציק סענטיקע מטבע, אָדער „קוואָרטער״, ווי מען רופט דאָס אויף דעם אַמעריקאַנעם לשון אי״ז ביי אים אַ גרויסע סומע. ניט חלילה צוליב דעם, וואָס יוסף האָט ניט פֿאַרמאָגט קיינן גרעסערע געלטן. אדרבה, דער באַנק ביכעלע זיינער האָט שוין פֿון לאַנג געציילט פֿינף ציפֿערן אין דער ברייט און אין בוזעם־קעשענע איז געווען פֿאַרשטעקט אַרום אַ הונדערט דאָלער. טאָמער ס׳מאַכט זיך אים אָפּצעקויפֿן עטלעכע שטיקלעך־צירונג אַלס אַ מציאה. נאָר פּונקט ווי ער האָט געציטערט איבער אַ דאָלער, אַ הונדערטער, צי איבער אַ טויזענטער — אַזוי האָט ער אויך געציטערט איבער אַ פֿערטעלע . . .

דאָס לייגט זיך גראָדע אויפֿן שכל. ווייל פֿון דער נאַטור האָט יוסף זייער שטאַרק אָפּגעשאַצט די ווערט פֿון געלט. ער האָט געוואוסט, אַז פֿון פֿיר פֿערטע־לעכ — ווערט אַ גאַנצער דאָלער און, ווען מען היט אָפּ יעדן סענט, אָדער איט־לעכן דאָלער — שלאָגט זיך דאָס סוף־כל־סוף צענויף אין אַ הונדערטער און הונדערטער — אין טויזענטער און מיט אַזעלכע מיני געלטער וואַרפֿט מען זיך ניט אַרום . . .

נאָר די נאַכט האָט יוסף סיי־ווי־סיי ניט געשלאָפֿן, מחמת די פֿינף און צוואַנציק סענטיקע מטבע איז כסדר געשטאַנען פֿאַר די אויגן און, ווי אַ לעבע־דיקער וועזן, געטענהט צו אים מיטן לשון פֿון אַ בר־דעת: „שטייטש! ווי נעמט דאָס אַ נאָרמאַלער מענטש און לייגט מיך אַוועק אויף אַ שוואַרצן, קאַלטן מאַרמאַרנעם וואַש־באַסיין? . . . וואו איז דאָס גאָר געהערט געוואָרן? . . . וואָס וועלן זאָגן אויף דעם די קוואָרטיראַנטן ווען זיי וועלן מאָרגן אינדערפֿרי אַריינ־גיין אַרומוואַשן זיך . . . איך וועל דאָך צעשמאַלצן ווערן פֿון חרפּה!״ . . .

אין די „לייק־אַרמס״ מעבעלירטע צימערן האָבן געוואוינט נאָך דריי קוואַר־טיראַנטן. איינער: אַ הויכער און שטאַטנער איד פֿון „יאהודישן״ אָפּשטאַם, אַ מיסטער גלויבנוואַלד, וואָס איז, אין די יונגע יאָרן, געווען אַ לערער פֿון איינגליש אין א העכערע שולע און איצט, אויף דער עלטער, געלעבט בלויז פֿון דער פּענסיע וואָס ער האָט באַקומען פּינקטליך יעדן אָנהויב חודש.

מיס רעבעקא קאָהען האָט פֿאַרנומען דעם מיטלסטן צימערל, וואָס האָט גראָדע מיט איין פֿענצטער אַרויסגעקוקט צו אַן אַנדער הויף, און געצאָלט פֿינף און צוואַנציק דאָלער אַ חודש דירה געלט. זי איז געווען אַ גאַנץ סימפּאַטיש מיידל, מיט העל־בלויע אויגן, כאָטש מיט אַ צו הויכן בוזים און אַביסל אַ נערוועזע. רעבעקא פֿלעגט איר נערוועזיטעט פֿאַרשטיקן אין זיך. אָבער צו לאַנג איינהאַלטן זיך אויף אַ שטעלע, וואו זי האָט געאַרבעט אַלס אַ בוך־האַלטערן, האָט זי ניט געקאָנט. ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַ בחור צי מיט אַ יונגעמאַן, האָט זי געלאַכט צו הויך און גערעדט צופֿיל. די נייע קאַוואַליערן האָבן אָפּנים

באַלד דערשנאַפּט וואָס מיט דעם מיידל איז, און דערפאַר אויף גיך אָפּגעטראָגן זיך. איז רעבעקא שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַן אומעטדיקע און אַ דערשלאָגענע . . .

און שמואל שרייער, דער דריטער קוואַרטיראַנט, וואָס איז גראַדע אויף להכעית זיין נאָמען געווען דער שטילסטער אינם גאַנצן הויז. אמת, טאַקע ניט מער ווי אַ שניידער ביי פרויען מאַנטלען, וואָס האָט געאַרבעט דורכן יאָר וואָסערע זעקס צי זיבן חדשים, איז ער געווען אַזאַ איידעלער, אַ רואיקער און ערלעכער ייד, וואָס וואָלט ביי קיינעם אַפילו אַ האָר ניט פאַרנומען.

די ערשטע, וואָס איז אויף מאָרגן אינדערפרי אריינגעגאַנגען אין באָד-צימער איז געווען רעבעקא, אויפן אָקסל האָט זי אַרויפגעוואָרפן דעם „טערקישן" האַנטוך, אָפּגעדרייט דעם קאַלטן קראַן, אָפּגעוואַשן און אָפּגעפרישט זיך דעם פּנים. אויף די באַקן, אויפן שטערן און אויפן גלייכן נאָז — אַרויפגעליאַסקעט אַ היבט ביסל פּוידער. מיט אַ ראַזעווער פּאַפּקעלע דאָס אויסגעגליכט און דער-נאָך געוואָלט אנמאַלעווען די ליפּן מיט שמינקע, אַז זיי זאָלן ווערן רויט און ציען צו זיך מענערשע בליקן, ערשט איר אויג איז געפאַלן אויף דער מטבע, וואָס איז פון נעכטן אָן געלעגן אויפן שוואַרצן מאַרמאָרנעם וואַש-באַסיין. איינ-סטינקטיוו האָט זי דאָס אַ נעם געגעבן אין האַנט און געטראַכט: „טאַקע גוט! ס'וועט זיין אויף רייזע קאָסטן אין אויטאָבוס און אויף צום טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע אין שטאָט. אָבער, ווען זי האָט די מטבע איבערגעקוקט אויף דער אַנדער זייט און דערזען דאָרטן דעם שמינקע צייכן, האָט זי דעם „קוואָרטער" צוריק אַוועקגעלייגט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מסתמא האָט דאָס עמיצער מיט אַ כיוון אונטערגעוואָרפן כדי אויספּרובירן איר ערליכקייט . . . נאָר ווער האָט דאָס געקענט טאָן אַזאַ פּאָדלע זאַך? — האָט זי זיך געבראָכן דעם מוח, אַז דער מיסטער גלויבנוואַלד איז צו אַן איידעלער מענטש אויף אָפּצוטאָן אַזעלכע זאַכן און דער מיסטער שרייער, איז דאָך שוין באַלד אַרום זעקס חדשים אָן אַרבעט, וועט ער זיך דאָך געוויס ניט וואַרפן מיט געלט? . . . הייַנט — ווער? . . .

אַ ווײַלע איז נאָך רעבעקא געשטאַנען ביים שפּיגל אַ צעטומלטע און אַלץ ניט געקאָנט טרעפן צו וועמען די מטבע האָט געהערט, און ווער ס'האָט דאָס אונטערגעוואָרפן. דערנאָך איז זי אַ צערייצטע און אַ טיף באַליידיקטע אַרויס-געלאָפן פון דאָרטן און מיט אַ שטאַרקן זעץ פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך . . .

אין אַ פּופצן מינוט אַרום איז אַהין אַריינגעקומען מיסטער גלויבנוואַלד. אויף זיין בלאַסן פּנים, מיט די איינגעפאַלענע באַקן, האָבן אַרויסגעשטאַרצט היבשע, ווייסע האָר שפּראָצונגען. האָט ער די מאָרדע געריבן מיט זייף אַזוי לאַנג, ביז פון די מולינעס איז געוואָרן אַ געדיכטער „מאַסטש". נאָכדעם האָט ער אונטערן זודיקן שטראָם וואַסער אויף אַ ווײַלע אונטערגעשטעלט דעם ראַזיר-מעסער און אָפּגעגאָלט זיך דעם פּנים. מיטאַמאָל האָט ער דערזען די מטבע. צו ערשט האָט זיך זיין רעכטע האַנט אַ צי געגעבן צום שטיקל-מעטאַל. נאָר באַלד — צוריקגעכאַפּט: „אַפּנים, אַז די מיס קאָהען האָט דאָס געמוזט פאַר-לירן" — האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דער אָרעמער פריילין —

שאָד! דער קוואָרטער וועט איר זיכער אויספעלן, אַ שאָד!" . . .

מערקווערדיק איז געווען שפּעטער אַביסל, ווען שמואל שרייער האָט זיך אַריינגעשטעלט אינם באָד־צימער און באַמערקט דאָס געלט. מיט גרויסע צע־לופּעטע אויגן האָט ער אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף דער באַשמינקטער מטבע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט: נעמען, אָדער ניט! . . . בלויז זיין שטאַרקער כאַראַקטער און די איינגעבוירענע ערליכקייט האָט גובר געווען דעם יצר־הרע, דאָך האָט ער אויך באַנומען, אַז עמעצער האָט מיט אַ כיוון דאָ געלאָזט ליגן דאָס געלט און איז אין כעס געוואָרן אויף דעם אומבעקאַנטן מענטשן, וואָס האָט גאָר געוואַגט צו טאָן אַזאַ זאַך.

דער טאָג איז פאַר די דריי קוואַרטיראַנטן געווען אַ שווערער און אַ פּיינ־ליכער. יעדער איינער פון זיי איז געווען צעווייטיקט, באַליידיקט און צום ערשטן מאָל, זינט זיי האָבן דאָ געוואוינט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אומצוטרוי און אַ פאַרדאַכט איינער אויפן אַנדערן. דאָס איז געווען אַזאַ מין פאַרדאַכט, וואָס איז געוואָקסן ביי זיי אין די הערצער מיט דער זעלבער בייסיקייט, ווי די שפּראָ־צונגען פון שאַרפער קראָפּיווע צו וועלכע מען קאָן זיך ניט צורירן מיט אַ נאַקעטער האַנט . . .

נאָר אַלץ איינס איז יוסף הארעליק געקומען ערשט אויפן צווייטן טאָג. ער איז גלייך אַריין אין באָד־צימער, געוואָלט וואָס גיכער דערקונדיקן זיך, וואָס ס'איז געשען מיטן „קוואָדער". ווען ער האָט דערזען, אַז די מטבע איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן זעלבן אָרט, איז אים „אַראָפּ אַ שטיין פונם האַרצן" . . . און געווען זיכער ביי זיך, אַז דאָ וואוינען טאַקע ערלעכע מענטשן. דעריבער איז ער אן איילנדיקער אַראָפּגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע אין שטוב, באַצאָלט פאַר אַ חודש דירה געלט און מיט אַ גרינגן געמיט דערנאָך אַריבערגעבראַכט אַהער זיינע זאַכן.

אַ גרינגער און אַ רירעוודיקער אויף די פיס, האָט ער אין אלמער אריינ־געהאַנגען די קליידער. דעם וועקזייגער אַוועקגעשטעלט אויפן שרייב־טישל. אַלץ צעלייגט און צעשטעלט אויף די געהעריקע ערטער. נאָכדעם אַ מידער אַוועקגעלייגט זיך אין בעט אָפּרוען. אַ שטיק צייט איז ער געלעגן מיטן פּנימל אויף אַרויף, דערפילט ווי אַ זיסע וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע אברים און יוסף האָט גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט ווי טיף ער האָט באַליידיקט אַ שטוב מיט אומשולדיקע מענטשן. דעם אַלטן און קאַרגן צירונג הענדלער האָט שוין אָבער מער ניט געפּאַסט צונעמען דאָס געלט פונם וואַש־צימער. איז די מטבע געבליבן ליגן אויפן שוואַרצן מארמארנעם־באסיין אַ פאַרלאָזטע און אַ פאַר־שעמטע.

ווערט אַ מיטבויער
און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"

אברהם לעוו

# ביינאַכט האָב איך אַ ליד אַזאַ פאַרטראַכט

ביינאַכט, ביינאַכט
האָב איך אַ ליד אַזאַ פאַרטראַכט
פאַר מיין קינד,
און פאַר נאָך אַזעלכע קינדער.

אין דרויסן טאַפּט מיין דאַך
דער ווינט
אַ בלינדער,
ער קלעטערט אויף די בלעך
און הויבט אים אויף.
די לבנה, מיט טאַנדעטנע שטעך —
אין הימל איז פאַרשרויפּט.
די שטערן זילבערנע, אין הערליכן געפלעכט,
הויבן העכער נאָך פון איר זיך אויף.

אין בעטל ליגט דאָס קינד און שלאָפט
און זיין געזיכט באַדעקט מיט שיין.
ער האָט געהאָפט
אַז כ׳וועל דאָס ליד נאָך לייענען אים היינט,
צום סוף
איז ער אין טיפן שלאָף
אריין . . .

ווער קלאַפּט? ווער קומט?
מיין צריף אין ווינט, זיי מוטיק, האַלט!
דער שטורעם ברומט,
עס וויעט דער שאַקאַל;
עס דאַוונט פרום
דער גריל, ביי זיך אין שפּאַלט.

די נאַכט ארייננגעוואָרפן האָט אַן אויג
אַ זילבערנע, ביי מיר אין שויב.
דער פאַלמבוים האָט זיך אין ווינט געטאָן אַ נויג,
אַ פלאַטער האָט אין נעסט געטאָן די טורקלטויב;
אין בודע האָט די צווייג
צעבילט
זיך בייז און ווילד.

ביינאַכט, ביינאַכט
האָב איך אַ ליד אַזאַ פאַרטראַכט
פאַר מיין קינד:
אַ מעשה מיט אַ פערד און וואָגן — — —
נאָר דורך דער אויפגעפראַלטער שויב
האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער ווינט
און האָט דאָס ליד מיט זיך אַוועקגעטראָגן.

---

ברכה קודלי

## שטיל לעבן פון וואַן - גאָג

אַ ריטל פון ציפּרעסן פלאַטערט
ווי אַ זשעסט
פון וואן-גאָג׳ס טראַגישן געמיט
און ציט זיך אין אַ גרוילאַכן גרין
צו די הענטשקעס,
וואָס ליגן פאַרטאיעט
ווי אַ רעטעניש אין פיליגרין,
ווי צוויי הענט אויסגעמאַטערט
פאַרקלעמען זיי איינס אין צווייטן
אַ פאַרבאָרגענעם זין

אין קאָלירן פון ראָז און בראָנדז
זאָגן אוים די פרוכט צום היימישן קוישל
זייערע סודות פון האַרבסט.

גרין און קרעם שאַטירונגען געשפּאַנט
און די זעלבע קאָלירן פון טענער
און כישופדיקע טענער פון קאָלירן
אין דער זעלבער געשפּאַנטקייט.
וואָס איז פאַרבאָרגן
אין ריטלס בליק פון ווילדקייט,
אין קוישלס מילדקייט
און פון די הענטשקעס דעם סוד —
דו דערשפּירסט —
עפּעס פון אַ שד
און עפּעס פון אַ גאָט.

י. פרידלאַנד

# זיידל באַיאַן

(דערציילונג)

זיידל באַיאַן! — אַזוי האָט מען אים גערופן. אָט דער צונאָמען זיינער האָט אים זייער געפּאַסט און ווי צוגעטראָפן, הן לויט זיין אויסזען והן לויט זיין אויפירונג. נאָך אַלס צען־יאָריק אינגל איז ער געווען שוין, קערפּערלעך, אַן איבערגעוואַקסענער בחור׳עץ: אַ הויך געוויקסיקער,אַ ברייט פּלייציקער, מיט אַן אויסטערליש גרויסן קאָפּ, שאַרף קאַנטיקע געזיכט־שטריכן און אַ פּאָר שווערע ידים מיט גראָב־קלעצלדיקע פינגער. האָט ער אויף עמעצן זיין האַנט און פינגער איינגעקוועטשט האָט מען דערפילט אַ ווייטיק ביז בלוט פאַר־גליווערונג. אין חדר האָבן אַלע אינגלעך געציטערט פאַר אים אימת־מוות. צום לערנען האָט ער געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ: יעדן סוף וואָך, דאָנער־שטיק, האָט ער נאָך אַלץ דעם שיעור פון דער וואָך נישט געקענט. שלמה אשר, דער מלמד זיינער, פלעגט אים איבערגעבן צו משה׳לע דעם וואויל־לערנער, ר׳ שמואל אייזענבערגס בן־יחידל, ער זאָל איינלערנען מיט אים דעם שיעור פון דער וואָך. ווען משה׳לע האָט אויס אומגעדולד צו אים זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט:

— זיידל, האָסט אַ פאַרשטאָפּטן, גויאישן קאָפּ!

— האָט אים זיידל, פאַר דער באַליידיקונג, אַזוי צעשלאָגן, אַז משה׳לע איז אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט קראַנק.

די עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דעם זעל־ביקן חדר מיט זיידל באַיאַן, זיינען געקומען צעלויפן נאָכדעם צו ר׳ שלמה־אשר דעם מלמד און אים מתרה געווען: אויב דעם באַיאַנס עלטערן וועלן אים ניט באַשטראָפן, וועלן זיי אַרויסנעמען זייערע אינגעלעך פון זיין חדר. דער סוף איז געווען, אַז זיידל באַיאַן איז דערנאָך געקומען צו משה׳לן און זיך געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין און געשוואוירן, אַז מער וועט ער אים און די אַנדערע אינגלעך פון חדר נישט אַ ריר טאָן.

ווען זיידל באַיאַן איז עלטער געוואָרן, אַ בחור פון אַ יאָר פופצן־זעכצען, איז ער, אמת טאַקע אַביסל אַרויסגעוואַקסן פון זיין אינגלשער ווילדקייט, אָבער זיין פיזישע גבורה, פאַרשטייט זיך, איז געוואָרן נאָך גרעסער און אויסטערלישער.

איינמאָל, אַ שבת נאָכן דאַוונען, ווען אַ מענגע שקצים פון שטעטל זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און געוואָלט פאַרפירן אַ געשלעג מיט די יידישע יונגע־לייט, האָט זיידל באַיאַן ערשט דאַמאָלסט אַרויסגעוויזן זיין גרויסע גבורה, ער האָט זיי אַזוי צעמיתט, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט אַ צענטן, מערער זיך נישט אָנהייבן מיט די יידן פון שטעטל.

מיט משה׳לע חריף, זינט ער האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן, איז ער געוואָרן זיינער אַ גוטער חבר און פריינט: זיי האָבן ביידע אָנגעשלאָסן זיך

אין דעם ציוניסטישן קרייזל אין שטאָט, און ווען אַ מחלוקת איז אַנטשטאַנען אויף דער „בירזשע" צווישן די אַנדערע פּאַרטייען מיט די ציוניסטן, האָט זיידל תיכף אָפּגעשטעלט דעם קריג מיט זיינע „שלאָגענדיקע" אַרגומענטן. זיידל׳ס ליבע און התלהבות פאַר דעם אידעאַל פון שיבת־ציון און קאַמף פאַר אַן אייגן יידיש היימלאַנד איז ביי אים געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן: ער איז געוואָרן צו דעם איבערגעגעבן בלב ונפש און איז גרייט געוואָרן צו גיין אויף מסירת־נפש פאַר אהבת ישראל. זינט דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגע־הייבן פאַרשפּרייטן אין צאַרישן רוסלאַנד און ווי אַ פּועל־יוצא די פּאָגראָמען אויף די יידן אין דעם תחום המושב, איז ער תמיד גרייט געווען דורס צו זיין יעדן שונא ישראל וואָס איז אים נאָר צום האַנט געקומען.

ומעשה שהיה כך היה: אין יאָר נייצן־הונדערט און פינף, איידער די ערשטע דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זיינען פאָרגעקומען גרויסע סטרייקס איבערן לאַנד, און די פּאָסט איז אָפט מאָל געווען פאַרשפּעטעקט צוליב דעם; איז מען געצוואונגען געווען אַליין קומען אין פּאָסט־אָפיס אָפּצונעמען די בריוו אָדער צייטונגען. אין „יענע טעג" האָט זיידל באַיאָן איינמאָל דערזען ווי פון דעם פּאָסט־פיס איז אַרויסגעקומען עפּעס אַן עלטערער פאַרשוין, אין די זיבעציקער, און סיי אויף דעם פּרצוף־פּנים און סיי די הלבשה זיינע, האָט זיך בישט באַוויזן קיין צייכן ער זאָל זיין מאחינו־בני ישראל, נייערט אַן אמת׳ער רוסאַק! . . . בפרט, אַז אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל פון די צוויי גרעסטע אַנטיסעמיטישע צייטונגען: די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" און דעם „קיעוולאַנין".

דער אַלטער פאַרשוין האָט נאָך אויף פאַנאַנדערגענומען די בלע־טער און גיריק אין זיי אַריינגעקוקט. ווען זיידל באַיאָן האָט עס דערזען איז ער מורא׳דיק אויפגעקאָכט געוואָרן; ער איז מיט אַמאָל צוגעשפּרונגען צום אַלטן, אַרויסגעריסן פון אים די צייטונגען, צעוואָרפן, און געטראַמפּעלט די בלעטער מיט זיינע שווערע אויסטערלישע פיס; אין צוגאָב האָט ער, אין זיין כעס און צאָרן, אים היפּשלעך שטאַרק צעשלאָגן, אַז דער אַלטער איז פון די קלעפּ און שרעק מסוכנדיק פאַרשלאָפט געוואָרן; אָפּגעקרענקט עטלעכע וואָכן צו בעט, איז ער שוין מער צו זיך נישט געקומען און איז שטיל בנשיקה געשטאָרבן . . .

ווער אָט דער מיסטעריעזער אַלטיטשקער איז געווען האָבן די יידן נישט געוואוסט, און זיידל, זיין אומברייינגער, אויך ניט. געמיינט האָט ער, אַז אָט דער אַלטער איז אוודאי איינער פון יענע פאַרביסענע שונא ישראל, וועלכער העצט די אומוויסנדע מאַסן צו מאַכן פּאָגראָמען און פאַרגיסן יידיש בלוט, האָט ער, ווי זיין טבע איז געווען, אין זיין אימפּולסיוון אויפברויז, געוואָלט שטילן זיין כעס דורך נקמה. זיידל האָט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן, אויס מורא צו האָבן אויף זיך אַ „דיעלאָ", אַן אָנקלאַגע אויף מאָרד. די עלטערן זיינע האָבן אים אַרויסגעשיקט קיין אַמעריקע.

אָבער דערנאָך, טאַקע באַלד נאָך זיין פּטירה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז

אַט דער אַלטער פאַרשוין, אויף וועלכן זיידל האָט געדענקט, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, אַ שוואַרץ־מאה׳ניק, איז גאָר געווען, לויט זיינע שטילע מעשים טובים, ניט סתם אַ ייד נייערט אַ בן־תורה: אַן אמת׳ר צדיק נסתר . . .

דערוואוסט האָט מען זיך וועגן אים כלערליי וואונדערלעכע און אויך מאָדנע זאַכן: געוואוינט האָט ער מיט זיין פרוי, הינטערן שטאָט; צווישן די יידן פון שטעטל האָט ער זיך זעלטן באַוויזן; ימים נוראים צייט, פלעגן אַ צאָל ניט יידן אַראָפּקומען אין דער גרויסער שול, זען ווי די יידן „מאַליען" זיך, זיינען זיך מתפלל, איז ער אויך געווען צווישן זיי. זיין נאָמען האָט מען זיך דערוואוסט איז געווען, נאַטאַן האַראָוויץ, און זיין פּראָפעסיע איז געווען לערערײ: געווען אַ גרויסער למדן און געלערנט כל ימים ושנים. דער־וואוסט האָט מען זיך אויך, אַז וואו נאָר ס׳איז געווען ערגעץ אַ יתום׳ל, אַ אינגל אָן טאַטע מאַמע (קיין קינדער האָט דאָס פּאָר־פאָלק נישט געהאַט), פלעגן זיי אָט די יתומים׳לעך אַדאָפּטירן. יעדן מאָל, ווען ער האָט געבראַכט אַ פרישן יתום אין שטוב, פלעגט ער דער ווייב זיינער אַ זאָג טאָן:

— נאַדיאַ! אָט האָסטו נאָך אַ זון! . . . זיי פלעגן די יתומים האַלטן ווי אייגענע קינדער: אַ באַקוועמע היים; באַקליידן זיי און באַשיכן; שיקן זיי אין אַ שולע און אַליין אויך מיט זיי לערנען און דערציען. ווען די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, עלטער געוואָרן, פלעגט ער זיי שיקן צום ווילנער לערער סעמינאַר, און ווען זיי האָבן דאָרטן גראַדואירט אַלס לערער, פלעגט מען זיי שוין באַזאָרגן מיט לערער שטעלעס פאַר כלערליי שולעס אין דעם תחום המושב. אָט די זין פלעגן אָנהאַלטן מיט זייערע אַדאָפּטירטע עלטערן אַ כסדר׳־דיקע קאָרעספּאָנדענץ.

נאַטאַן האַראָוויץ, ווען ער איז געוואָרן אַ בן־שבעים, האָט ער זיך צוריק־געצויגן פון לערערײ און געלעבט מיט זיין פרוי אין אָפּגעזונדערטקייט, און דווקא צווישן ניט יידן. געווען איז ער אַ מענטש פון בוך, געגריבלט זיך תמיד אין כלערליי ספרים, אויך אריינגעקוקט אין די שריפטן פון די יידישע שונאים; געוואָלט זיך רק דערגרונטעווען צו די מקורים פון דעם שנאת־חינם צום יידישן פאָלק מצד דער ניט יידישער וועלט? . . . ער האָט כסדר געלייענט די אַנטי־סעמיטישע פּרעסע כדי צו זיין גרינטלעך אינפאָרמירט וואָס ס׳קומט פאָר אין שונא׳ס לאַגער. אין געהיים, איז ער אויך געווען פאַרבונדן מיט די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען; און צוליב זיין באַהאַונטקייט, וואָס ס׳ווערט געשריבן און פּלאַנירט אין דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, איז ער געוואָרן אַ וויכטיקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג . . .

נאַטאַן האַראָוויץ איז נישט געווען קיין רעליגיעז פרומער; ער האָט אָבער געטאָן אַ סך זאַכן פאַר יידישקייט אין זין פון פאַרשפּרייטן יידיש וויסן און דענקן, און געטאָן האָט ער עס בסתר . . .

זיידל באַיאָן האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט פון אָט די מעשים טובים פון זיין אומשולדיקן קרבן. אויבנאויפיק האָט ער צו אים, ווי צו אַ סך אַנדערע, אויסגעזען ווי אַ ניט ייד. געוואוינט צווישן ניט יידן, אויפגעפירט זיך ווי זיי;

א גלות, מיט געדיכטע גרויסע וואָנצעס און אַן עכט רוסישע הלבשה. נתגלה געוואָרן אַלס ייד איז ער ערשט דאַן נאָך זיין פּטירה. צו זיין לוויה זיינען זיך צוזאַמענ־געפאָרן, קודם כל, אַלע זיינע אַדאָפּטירטע זין, לערער, וואָר זייבען געווען צעוואָרפן איבער כלערליי שטעט און שטעטלעך פון דעם תחום־המושב, וואו זיי האָבן געלערנט. בא דער לוויה און נאָך די הספדים האָבן זיי געזאָגט קדיש און אַפילו רירענד געוויינט נאָך זייער אַדאָפּטירטן פאָטער און ליבן לערער; אויך זיינען אָנגעפאָרן א צאָל יידן נכבדים, פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן געוואוסט זיין יחוס־עצמו. די לוויה איז געווען אַ שיינע, אַ בכבודיקע, טאַקע נאָר ווי פאַר אַ נאָענטן, א חשובן און פאַרדינסטפולן גוטן יידן און כלל־עסקן. פון דעם אַלעס האָט זיידל באַיאַן דערוואוסט זיך ערשט ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט זיין בן־עיר, זיין אַמאָליק נאָענטן חבר פון דער אַלטער היים — משה׳לע שמואל אייזנבערג׳ס בן־יחידל.

באַגעגנט האָבן זיך די ביידע יוגנט חברים אין ניו יאָרק, בא אַ גרויסער מאַסען פאַרזאַמלונג לכבוד דעם באַרימטן זשאַבאָטינסקי, ציוניסט־רעוויזיאָ־ניסט, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע רעקרוטירן יידישע יונגע־לייט פאַר זיין אָרגאַניזירטן „יידישן לעגיאָן״ . . . אין ערשטן וועלט־קריג

ווען זיידל האָט זיך דערוואוסט, וואָס פאַרא וואונדערלעכער מענטש אָט דער נאַטאַן האַראָוויץ איז געווען, און אַז ער, זיידל, איז באַגאַנגען אַ מאָרד קעגן אַן אומשולדיקן יידן און נאָך וואָס פאַר אַ ייד! אַ איש חשוב ואמת, ממש אַ צדיק נסתר! . . .און אַ קרבן איז אָט דער גוטער מענטש געפאַלן פון זיין, זיידל׳ס, אייגענער באַיאַנסטוואָ און אומוויסנקייט, האָט ער זיך צעוויינט ממש ווי אַ קינד. ווען ער איז אַ ביסל צו זיך געקומען, האָט ער, מיט אַמאָל, אויסשטערקנדיק זיינע שווערע מאַסיווע הענט, און ווי נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת — אויסגערופן:

— זעסט, אָט די צוויי ידים, משה׳ל!

— האָט ער ווי ער וואָלט אַ שבועה זיך געגעבן, פּאַטעטיש אַ זאָג געטאָן:

— זאָלן זיי מיר אָפּפאַלן פאַר אָט דער גרויסער זינד און פאַרברעך וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן אָט דעם אומשולדיקן קדוש, נאַטאַן האַראָוויץ! . . .

זיידל איז במשך די צייט געוואָרן פרום און פאַר דער ווילדער טאַט, וואָס ער האָט אַלס אינגל אומגעבראַכט אַן אומשולדיקן מענטשן זיך בשום אופן נישט געקענט מוחל זיין . . . ער האָט רק מתפלל געווען און אויך אויף זיך גוזר געווען א קללה: אויב שטראָפן — שטראָף מיר, אָ גאָט, פאַר מיינע זינד, — ניט מיינע קינדער! . . .

זיידל האָט דערנאָך זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „יידישן לעגיאָן״ און, נאָך דער מלחמה איז ער שוין פאַרבליבן אין ארץ ישראל. ווי אַ געאיבטער און געשולטער „לעגיאָנער״ איז ער אויך, דערנאָך געווען אין דער „הגנה״ און „פלמח״, און איז כסדר געווען גרייט צו געבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד די יידישע שונאים, וואו זיי זאָלן נישט זיין!

אין דעם גורלדיקן יאָר פון 1948, ווען ארץ ישראל איז פּראָקלאַמירט

געוואָרן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, און די אַראַבער האָבן תיכּף געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די ישראלים, איז זיידל, נאַטירלעך, געווען אין דער ערשטער ריי פון דער קעמפענדיקער מחנה.

נאָכדעם וואַפן־שטילשטאַנד מיט די אַראַבער איז זיידל געשיקט געוואָרן עקספּעדירן, אויפצוזוכן און אָפּראָמען די כלערליי אופּרייס־מינעס אונטער־געלייגטע פון שונא; איינע אַזאַ מינע האָט מיט אַמאָל אויפגעריסן, און ביידע הענט זיינע פון אים אָפּגעריסן געוואָרן . . . זיידל איז אָפּגעליגן אין הדסה שפּיטאָל היפּשע עטלעכע וואָכן. ווען ער האָט שלום געמאַכט מיט זיין ביטערן גורל, האָט ער איינמאָל מסביר געווען, פאַר זיין קראַנקן־שוועסטער, אַז ער איז איצט באַרויִקט און אַפילו גליקלעך, וואָס די השגחה האָט סוף סוף אים באַשטראָפט, פאַר דער גרויסער זינד, וואָס די הענט זיינע, האָבן אין זיין יוגנט, דורך א טעות, אַן אומשולדיקן יידן אומגעבראַכט . . .

כידוע, באַלד נאָך דער עטאַבלירונג פון דער יידישער מלוכה, האָבן יידן אָנגעהייבן עולה־רגל זיין קיין ישראל אין די צענדליקער טויזנטער, און צווישן זיי אויך זיידל'ס יוגנט־חבר, משה'לע חריף. תיכּף, ביי זיין אָנקומען קיין תל־אביב, האָט ער גענומען נאָכפרעגן זיך ביי זיינע בני־העיר אויף זיידלען; דערציילט האָט מען אים פּרטימדיק וואָס מיט אים האָט געטראָפן, און אַז ער קען אים טרעפן, כמעט יעדן טאָג, אין פאַרק ביים תל־אביבער ים־ברעג.

משה'לע האָט די באַגעגעניש אויף לאַנג נישט אָפּגעלייגט: אויף מאָרגן איז ער, כמעט מיט אַ ציטער, ערב די אומדערוואַרטעטע באַגעגעניש מיט זיין אומגליקלעכן יוגנט חבר, זיך אַוועק געלאָזט צום תל־אביבער ים־ברעג זוכן דעם בן עיר זיינעם, זיידל באַיאָן. כך־הוה! ס'האָט לאַנג נישט גענומען: שפּאַצירנדיק, האָט ער שוין פון וויטנס דערקענט די אימפּאָזאַנטע געשטאַלט אים אַנטקעגן קומען, גלייך ווי זיי וואָלטן, פון פריער, באַשטעלט אָט די באַגעגעניש!

— יאָ, ס'איז זיידל! די זעלביקע הויכע, ברייט־פּלייציקע געשטאַלט! אָ ב ע ר . . . צוויי ליידיקע אַרבל; פון זיין ברייטן ראָק האָבן, אַנשטאָט הענט, זיך געבאָמבלט הין צוריק; ווייל גייענדיק פּאַמעלעך, אָבער מיט שווערע טריט, האָט ער פאַריסנדיק די אויגן פאַראויס צום האָריזאָנט פון ים . . .

ווען משה'ל האָט זיך אָנגעהייבן דערנעענטערן צו דער געשטאַלט, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט עפּעס ווי אַ קלעם ביים האַרצן און דריקעניש אין קעל, ווי ער וואָלט דאָס לשון פאַרלאָרן. אין דעם מאָמענט, האָט ער געפילט אַ מין אומבאַקוועמקייט זיך פאַר אים צו ווייזן, זיך צו דערקענען . . . אַ געפיל פון צער און רחמנות האָט אין אים די געשטאַלט אַרויסגערופן. ער האָט דאָך זיך געשטאַרקט, זיך גענענט און מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט זיך פאַר זיינע אויגן: זיי האָבן ביידע שווייגענדיק פאַר אַ פּאָר מינוטן זיך אָנגעקוקט; זיידל מיט גרויס פאַרוואונדערונג און משה'ל מיט רחמנותדיקע האַלב אַראָפּגעלאָזטע אויגן . . .

— האָסט מיט דערקענט, משה'ל? — האָט נאָך דעם קורצן שווייגן זיך

אָפּגערופן, צו ערשט, זיידל — אָבער קוק נישט אויף מיר מיט אַזאַ רחמנות־פּנים און באַדויער! . . . האָסט שוין מסתמא געהערט, אַז איך האָב פאַרלוירן מיינע הענט אין דער באַפרייאונגס מלחמה! — האָט ער, כמעט ווי מיט שטאָלץ, אויסגערופן, — איך בין אָבער צופרידן מיט מיין גורל און איך דאַנק און לויב דעם רבונו של־עולם, וואָס ער האָט מיך געשטראָפט פאַר מיינע יוגנט זינד און ניט מיינע קינדער. קינדער דאַרפן נישט אָפּקומען פאַר עלטערנס חטאים! . . .

— כ׳בין מתפלל צום השם־יתברוך, וואָס ער האָט בלויז די הענט ביי מיר צוגענומען און נישט דאָס גאַנצע לעבן!

— כ׳בין גליקלעך, משה׳ל, וואָס כ׳האָב זוכה געווען צו בלייבן לעבן און זען פאַר מיינע אויגן — דאָס ווידער געבוירן פון אונדזער לאַנד פון די אבות און דעם גרויסן נס פון קיבוץ גליות . . .

---

ז. בונין

## ב י י נ ק ש אַ פ ט

זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט,
האָט די צייט אַזויפיל יאָרן דורכגעבלעטערט.
אוןביידנ׳ס שיפן אונדזערע,
אויף כוואַליעס שטורמישע צעשמעטערט:
טעג — אָט פריידיקע
אָט באַטריבטע,
זיינען אויסגערונען,
ווי דורך פינגער זאַמד געזיפטע.

און איצט — ווי נאָך אַ שיף־ברוך,
איינס דעם צווייטן מיר באַדאַרפן:
עס בענקט דיין האַרץ,
צו אַן אָפּרו־ברעג,
און איך — פון פריינטשאַפט זוך אַ האַפן.

לאָז מיר טרינקען פון דעם קוואַל
פון דיינע לויכטנדיקע אויגן.
און דערפריי מיין האַרץ,
ווי עס דערפרייט דעם פעלד נאָכן שטורעם —
דער קאָלירן־שפּיל פון רעגן־בויגן.

אפרים טויבענהויז

# פראָפ. מאַרטין בובער — זיין וועג צו חסידות

(צו זיין 80 יאָריקן געבוירן־טאָג)

פראָפ. מאַרטין בובער איז ביי היינטיגן טאָג דער גרעסטער ליטעראַרישער רעפּרעזענטאַנט פון חסידות. זיינע ווערק וועגן די גדולי חסידות זיינען איבער־זעצט אין פילע שפּראַכן און זיין ווערק אין העברעאיש „האור הגנוז" וועגן גרויסן מגיד פון מעזריטש און זיינע תלמידים איז איצט אַרויס אין ירושלים אין אַ נייער אויפלאַגע, וואָס ווייזט אונדז, אַז ער האָט אויך אַ השפעה אויף דער יוגענט אין ישראל.

וועגען זיין לעבן און שאַפן איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. מיר ווילן דאָ באַקענען דעם אידישן לייענער מיט דער קורצער מאָנאָגראַפיע וועגן אים פון פּראָפ. האַנס כהן, וואָס רעכנט זיך אַלס איינער פון בובערס חשובע תלמידים און פאַרמאָגט אויך אַ סך פון בובער׳ס גייסט.

ביי מאַרטין בובער — שרייבט פּראָפ. האַנס כהן — איז פאַראַן אין דער פאַרהערליכונג פון חסידות אי געניאַלע אינטואיציע און אי אַ גרויסע ערו־דיציע, וואָס קומט פון יאָרן פון פאָרשונג. מאַרטין בובער האָט זיך שוין אין זיין יוגנט אָנגעטראָפן מיטביידע שטרעמונגען וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין זיין יוגנט־היים אין גאַליציע השכלה און חסידות.

גאַליציע איז אין געוויסן זינען געווען דאָס וויגעלע פון חסידות. דאָ האָט טאַקע די השכלה געפירט אַ קאַמף מיטן חסידות, אָבער מיט ווייניק ערפאָלג און דער יונגער מאַרטין בובער, וואָס קומט נאָך אין זיינען יונגע יאָרן צו זיין זיידן ר׳ שלמה בובער קיין לעמבערג טרעפט נאָך אָן פאַטריאַרכאַלע טיפן פון גוטע אידן און חסידים, וואָס האָבן אויף איהם אַ גרויסע השפעה.

די גייסטיקע ירושה פון זיין זיידן ר׳ שלמה בובער איז קענטיק ביי מאַרטין בובער. ער איז געווען אַ גרויסער גביר, געש׳מט אָבער אַלס נאָר אַ גרויסער למדן; ער איז טאַקע געווען אין דעם „קייזערליכן ראַט", אַ יועץ המלך פונ׳ם קיסר פראַנץ יאָזעף אין ווין, און אויך דער פּרעזידענט פון רעליגיעזער קהלה אין לעמבערג אין משך פון אַ סך יאָרן, און דער פאַרוואַלטער פון צוויי באַנקן. אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען דער גרעסטער קענער און פאָרשער אויפ׳ן געביט פון מדרש. מיט דער טיפקייט און פּינקטליכקייט פון אַ געלערנטן פאַכמאַן, און מערב־אייראָפּעאישן אידישן תלמיד־חכם, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַרויסגעבן נוסחאות פון מדרש־ספרים. די גרויסע קוואַנטיטעט פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונגס־אַרבייט, וואָס איז דורך אים געטאָן געוואָרן, איז באַוואונדערונגסווערט ניט נאָר דערפאַר וואָס זי איז געטאָן געוואָרן דורך אַ מענטשן וואָס איז געווען באַשעפטיגט אין אַזוי פיל צווייגן פון טאָג־טעגליכער אַרבייט, נאָר אַפילו ווען דאָס וואָלט געטאָן געוואָרן דורך אַ מענטשן, וועלכער פאַרנעמט זיך נאָר מיט פאָרשונג־אַרבייט. שלמה בובער האָט גרינדלעך געקענט

די העברעאישע שפּראַך, וועלכע ער האָט באַהערשט סיי שריפטליך און סיי מינדלעך. בובער איז אין דעם הויז דערצויגן געוואָרן ביז זיין פערצענטן לעבענס־יאָר און האָט דאָ באַקומען אַ גרינדליכע בילדונג אין תנ״ך, תלמוד און אין דער העברעאישער שפּראַך. דאָ האָט ער געפונען די ריינסטע אַטמאָספערע פון די בעסטע השכלה־טראַדיציעס און האָט אין זיך איינגעזאַפּט ליבע צום אידענטום, אַ טיפן אידישן וויסן און אויך יענע איבערגעבענהייט צו אַ גייסטיקן לעבן און די אַרבייטס־אינטענסיוויטעט, וואָס האָבן אים, דורך אַלע ענדערונגען און איבערברוכן אין זיין לעבענס־לאַגע און בייגונגען אוועקגעשטעלט אין דער רייע פון גרויסע אידישע פאָרשער. זיין ערשטן בוך איבער׳ן אידענטום, וואָס האָט זיך צו אים ווידער אַנטפּלעקט; זיין ערשטן בוך וועגן חסידות, האָט דער אייניקל, וואָס האָט נאָך ניט דערגרייכט דעם עלטער פון דרייסיק יאָר געווידמעט זיין גרייז־גרויען זיידן, וואָס איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן אין אַכציקסטן יאָר פון זיין לעבן.

אַ גרויסן איינדרוק האָט אויפ׳ן יונגן מאַרטין בובער געמאַכט די התנהגות אין רבינ׳ס הויף.

אין יענע יאָרן, וואָס ער האָט געוואוינט אין זיין זיידנ׳ס הויז, האָט זיך בובער אויך באַקענט מיט׳ן חסידיזם. די זומער־חדשום האָט ער פאַרבראַכט אין דער געגנט פון סאדיגור און טשאָרטקאָוו, דער וואוין־אָרט פון די באַרימטע צדיקים, וואָס צווישן זייערע חסידים לעבט נאָך עד היום דער אנדענקן פון ישראל ראזשינער און זיינע זין. אמת, די חסידות, וועלכע בובער האָט דאָ געטראָפן, איז שוין געווען אין אַ מצב פון פאַלשטענדיקן פאַנאַנדערפאַלן. דער אונמיטעלבארער שאפענדער געניוס פון די ערשטע פירער האָט שוין קוים געטליעט, און די געשטאַלט פון ראזשינער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט חכמה און שאַרפזין, האָט ניט געהאַט קיין יורשים.

פּראָפ. האַנס כהן אונטערשטרייכט דעם פאַקט, אַז ריזשינער און סאדיגורער חסידות איז געווען „דאָס מלכותדיקע חסידות״, אין דער ספערע פון „תפארת״ און די טשארקאווער און סאדיגורער רביים זיינען געווען שטענדיק אַרומגערינגלט מיט פּראַכט און גלאַנץ, און מיט אַ סוויטע פון מקורבים און גרויסע מאַסן. קיין איינעם פון זיי האָט ניט געפּאַסט די קרוין וואָס זיי האָבן גע׳ירש׳ענט. אָבער אויב עס האָט אַפילו געפעלט אַ חשוב׳ער גייסטיקער לעבן, איז דאָך נאָך אָפּגעהיט געוואָרן די סאָציאָלאָגישע לעבנס־פאָרם פון חסידות. אַנשטאט די באַציאונגען צווישן לערער און תלמיד האָבן דאָ געהערשט די באַציאונגען צווישן דעם פירער און דער עדה. אַפילו אין איר דעקאַדענס האָט די חסידות באַלויכטן דעם „צוויי־פנים׳דיקן קערן פון דער מענטשהייט״. אַן אמת׳ע עדה און אַ אַמת׳ע פירערשאַפט. דאָ האָט געקאַנט ביים אינגל געבאָרן ווערן אַ באַגריף פון יענער פּראָבלעם, וועלכער ער האָט שפּעטער געווידמעט זיין רייפן דענקן, דאָס פּראָבלעם פון דער אמת׳ער מענטשליכער געזעלשאַפט.

גלייכצייטיק מיטן שטודירן חסידות פונם סאַמע ערשטן מקור אין רבינ׳ס הויף, שטודירט מאַרטין בובער וויסענשאַפטן אין ווין, און אין יאָר 1897, אין

יאָר ווען דר. הערצל רופט צום ערשטן ציון קאָנגרעס, טרעפן מיר דעם יונגן מאַרטין בובער ווי אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע.

פראָפ. האַנס כהן גיט אַן איבערבליק פון דער השפעה וואָס דער יונגער סטודענט האָט דאַן פון דער קולטור אין ווין. וואָס איז שוין דאַן גאַנץ אַנדערש פון דער אַלגעמיינער דייטשער קולטור און זי פאַרנעמט אַ באַזונדערע פּאָזיציע, וואָס איז אָגב נענטער צו דער איבעריקער אייראָפּע. די יונגע ווינער שולע איז אין יענער צייט געווען נעאָ־ראָמאַנטיש, איר שאַפונגס־פאָרם איז דעמאָלט געווען די לירישע אָדער דער לירישער דיאַלאָג, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון דער נאָוועלע און דער דראַמע. אין קיין פּלאַץ איז מען ניט געווען אַזוי גרייט אויפצונעמען קולטורעלע השפעות פון סקאַנדינאַווישן צפון און פון די ראָ־מאַנישע לענדער, ווי אין ווין. אָבער די אַלע השפעות, וואָס זייער פאָרם אין זייער געבורטסלאַנד איז געווען אַ סך האַרטער און סאָלידער, נענטער צו דער ווירקליכקייט, האָבן דאָ אָנגענומען אַן אַנדער, מער וואַרימער, מער ווייב־ליכע פאָרם. פאַר די יונגע ווינער איז דאָס לעבן, פאַר וועלכן זיי האָבן געזוכט אַ פרוש צו וועלכן זיי האָבן געביינקט און עס ניט געקאָנט דערגרייכן — געווען אַ שפּיל „ווי אַלע שפּילן; דער, וואָס ווייס דאָס, איז אַ חכם" — זאָגט שניצלער„ס פאַרצעלעזוס. פאַר אַ גבור האָט מען געהאַלטן דעם אַוואַנטוריסט, דעם קלוג־ווייסנדן, איראָניש־סענטימענטאַלן. שפּיל און ווירקליכקייט בייטן זיך. די מענטשן־קענטעניש ווערט גרעסער, אויף די פאַרבאָרגענישן ווערט געוואָרפן אַ טונקעלער דעמערונגס־ליכט און דאָס פּאָעטישע אויג דרינגט אַלץ טיפער אַריין אין דעם וואָס קומט פאָר אויפ'ן שוועל פון באַוואוסטזיין. אויך די שפּראַך ווערט באַ־רייכערט. צייטנווייז צופיל געצערטלט, פאַראיידלט, צופיל פאַרפיינערט.

נאָר אַ קליינע צייט איז ער אונטער דער השפעה, און דערנאָך באַפרייט ער זיך דערפון דער וועג וואָס האָט אים עטאַפּענווייז געפירט צו ערנסטקייט, ממשות'דיגקייט און ווירקליכקייט, האָט אים געבראַכט צו אַ פאָלשטענדיקן דער־ווייטערן זיך פון יעדער שפּילעוודיקער ראָמאַנטיק, פון אַלע פוסטע גייסט — און שיינהייטס־שטימונגען, פון יעדן וואָרט, וואָס ווערט ניט אַרויסגעזאָגט מיט פולער ערנסט און אחריות. דאָס איז אָבער אויך געווען אַ דערווייטערונג פון אַ סכנה ,וואָס האָט געלויערט אויף אים אין זיין עצם וועזן, אַ נעץ וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אין זיין אינווייניקסטער נשמה, צו וועלכער ער איז גע־צויגן געוואָרן מיט עפּעס אַ נאַטירליכער נייגונג. מיט זיין גאַנצער שטרייגער גייסטיקער דיסציפּלין זיינען אין בובער'ן פאַרבליבן די ווייכקייט און ווייבליכ־קייט פון דער ווינער קולטור, און זיין שפּראַך, וועלכע האָט פאָראויסגעצויגן די עמאָציאָנעלע באַטאָנונג, איידער די לאָגישע שטרענגקייט, האָט אַ לאַנגע צייט אויף זיך געטראָגן דעם שטעמפּל פון דער יונגער ווינער שולע. דער ערשטער רוף צו אַ מער מעגליכער האַלטונג איז געקומען צו אים פון דעם גרויסן גייסטיגן כח, וועלכער איז אויפ'ן שוועל פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט געשטאַנען גרייט אויסצושפּרייטן זיין השפעה אויפ'ן נייעם וואָרט, דער כח וועלכער האָט געפּליסט פון אַזעלכע גייסטער ווי דר. הערצל, דר. מאַקס נאָרדוי, דר. נתן

בירנבוים און אנד. ווירקט אויף אים, און ער ווערט דער וואָס פאַרשפּרייט דר. הערצל׳ס אידעען צווישן דער יוגנט.

די יאָרן וואָס זיינען שפּעטער געקומען, זיינען פאַר בובער׳ן געווען פול מיט פרוכטבאַרער און אונאויפהערליכער טעטיקייט. ער האָט זיך מיט׳ן גאַנצן פייער פון זיין האַרצן איבערגעגעבן צו דער באַוועגונג. זי האָט זיך דעמאָלט געפונען אין איר ערשטן אָרגאַניזירונגס־שטאַדיום. אין יעדן אָרט האָבן יונגע מענטשן אַרום זיך אַרומגעקליבן זייערע פריינד, האָבן געגרינדעט לאָקאַלע פאַר־איינען, דיסקוטירט, האָבן צוגעצויגן נייע חברים פאַר דער באַוועגונג. דער ציוניזם איז, לויט זיין אויסערליכער פאָרם, געווען דער ענין פון אַ קליינער גרופּע, פון אַ קליינעם קרייז פריינד, וואָס זיינען געווען נאָענט אין גייסט און פאַרבונדן איינער מיט׳ן אַנדערן מיט אַ אינווייניקסטן בונד. יעדע רעדע און יעדער אַרטיקל האָט געפונען אן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער באַוועגונג. דער איינצעלנער, דער יונגער מענטש, האָט זיך געפילט אין אַ געוויסער מאָס, אַז ער שטייט אין צענטער אַלס אַ שותף פון דער באַוועגונג, אַלס אַ מיטפאַראַנט־וואָרטליכער. דער צוואַנציק־יאָריגער בובער האָט אין ווינטער 1898־99 גע־גרינדעט אין לייפּציג דעם אָרטיקן ציוניסטישן פאַראיין און ציוניסטישן סטו־דענטן פאַרבאַנד, פון וועלכע ער איז געוואָרן דער פירער.

פּראָפ. מאַרטין בובער איז דער אידעען־טרעגער פון גייסטיקן ציוניזם, ער איז דערין געווען דער לעצטער רינג פון די דריי גרויסע פּערזענליכקייטן פון דעם ציוניזם: משה העס, דר. לעאָן פּינסקער און אחד־העם.

אַ גלייכע ליניע גייט פון משה העס ביז צו אחד־העם׳ן און שפּעטער צו מאַרטין בובער. משה העס, אַ קינד פון השכלה־עפּאָכע, אַ זון פון רהיין־לאַנד, אַזוי ווי מאַרקס און היינע, אַ רעוואָלוציאָנער סאָציאַליסט און אַן אַנהענגער פון פראַנקרייך, איז געווען דער ערשטער צו אַנערקענען אין זיין בוך „רוים און ירושלים״, וואָס איז ערשינען אין 1862, די ראָליע פון חסידות אין דעם איבער־גאַנגס־פּראָצעס פון אידנטום פון איר מיטלאַלטער צו דער נייער צייט, און האָט אַנערקענט דעם פּלאַץ פון חסידות אַלס אַ ממשות׳דיקער יסוד אין דער יידישער רענעסאַנס. אחד־העם, אַ זון פון יחוס׳דיקער יידישער פאַמיליע, און נאָכדעם אַ תלמיד פון דער ענגלישער עוואָלוציאָניסטישער פילאָזאָפיע, האָט געפּרואווט אין זיין שיטה פון יידישן רענעסאַנס צו שאַפן אַ סינטעז פון די צוויי שטרע־בונגען — און איז דורכדעם געוואָרן ניט נאָר דער גרויסער לערער פון ציוניזם, נאָר ער האָט אויך אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר דער שפּעטערדיקער פּערזעצונג פון זיינע געדאַנקען דורך מאַרטין בובער. אָבער דער סינטעז, וואָס העס און אחד־העם האָבן געפּרואווט שאַפן, איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט. ביי בובער׳ן איז עס געווען מער אַ געניאַלע אינטואיציע ווי אַ געדאַנק, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון ערודיציע. אין זיינע שריפטן זיינען שוין פאַראַן אין הויפּט שטריכן די אָנזאָגן פון אַ סינטעז וואָס איז שפּעטער געפונען געוואָרן, וועלכער איז אָבער ניט אויסגעדריקט געוואָרן מיט אַ קלאָרער זעלבסטשטענדיקייט. ביי אחד־העם

פינטשע בערמאן

# מיין ליד

אין פלאַטער פון טרוים,
אין רו פון געמיט,
אין רחבות פון רוים —
זינג איך מיין ליד.

דער מאָרגן איז גרויס,
נאָר גרעסער דער היינט . . .
דער טאָג איז מיין טרייסט,
די זון איז מיין פריינד.

אין גלי פון באגין,
אין פליגל פון טריט,
אין גאָלד פון דער בין —
זינג איך מיין ליד.

דער הימל איז ברייט,
נאָר ברייטער פון אים,
שפרייט זיך מיין פרייד,
הויבט זיך מיין שטים.

פון פראַכט און פון חן,
פון בלומען צעבליט,
פון לעבן אליין —
זינג איך מיין ליד.

א, האר פון דער וועלט,
ווי ליכטיק, ווי גוט,
ווען זעל איז צעהעלט,
ווען זשאר איז אין בלוט . . .

---

זיינע סיי די השכלה, סיי די חסידות געווען שטאַרק פראַגמענטאַריש. זיין סינטעז האָט ביט אויסגעשעפּט די גאַנצע טיפקייט פון יעדער פון די צוויי שטרעמונגען. זי האָט זיך געשטיצט אויף אַ ברייטן וויסן און אויף אַ אחריות׳פולן פאַרשטאַנד. עס האָט אים אָבער געפעלט, העס, געניאַלע אינטואיציע. ערשט מאַרטין בובער האָט פאַרווירקליכט דעם סינטעז. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די השכלה און די חסידות אין זייער גאַנצקייט און ער האָט זיי אויסגעפורעמט און געשאַפן אַ סינטעז.

(חיפה)

**ד״ר ח. מ. ראטבלאט**

# די יידן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס עפּאָכע *

דער מאָדערנער היסטאָריקער, וועמענס צוגאַנג צו געשיכטע איז אַ סאָציאָלאָגישער, האָט אַ טאָפּעלטן ציל אין זיין וויסנשאַפטליכער אַרבעט: אויס־צופאָרשן דעם מהות פון דעם קיבוץ, וועלכן ער שילדערט אין איר טאָטאַל־קייט, ד. ה. זיין פּאָליטישן סטאַטוס, זיינע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען דער מקור פון זיין חיונה, זיין קולטורן מצב און זיין וואוקס, זיין אויפשטייג אָדער ירידה, זיינע באַציאונגען מיט זיינע שכנים; זיין סאַמע שווערסטע אויפ־גאַבע איז, צו סינטעזירן די אַלע פאַקטאָרן, און זיי באַלייכטן סאָציאָלאָגיש־פילאָסאָפיש אין א האַרמאָנישער יחידה, אַז דער לייענער זאָל זעען פאַר זיך אַ פּילזייטיק בילד פון דעם לעבן פון קיבוץ און אויך פון זיינע שעפערישע יחידים, וועלכע האָבן בייגעטראָגן צו זיין וואוקס, האָבן אים בעאיינפלוסט און באַרייכערט, און זיינען אויך בעאיינפלוסט אין באַרייכערט געוואָרן פון קיבוץ.

צו דעם טאָפּלטן ציל איז ד״ר שולוואַס געווען געטריי אין זיין פאָרשונגס אַרבעט וועגן די יידן פון איטאַליע אין דער רענעסאַנס תקופה.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין ניין הויפּט־טיילן, וועלכע דער חשובער מחבר רופט מיט דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן נאָמען „פּרשה״. יעדע פּרשה איז איינגעטיילט אין פּרקים, אָדער קאַפּיטלן. די פּרשות זיינען: די יידישע באַ־פעלקערונג אין איטאַליע, די קהלה, דאָס עקאָנאָמישע לעבן, דאָס פאַמיליע לעבן, דאָס רעליגיעז און עטישע לעבן, די ליטעראַטור, די קונסט, די וויסנשאַפט (עולם המדע), דער רענעסאַנס אין טאָג־טעגלעכן לעבן (הרינּיסאַנס בחיי יום יום).

דער לייענער קאָן זעען פון דעם „תוכן הענינים״, אַז דער פאַרנעם פון דעם ווערק איז אַ גרויסער און אַ ברייטער. דער ציל פון דעם חשובן פאָרשער איז: צו שילדערן אַ פילפאַרביק און אַ פילזייטיק בילד פון דעם יידישן ישוב אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס תקופה; ניט קיין היסטאָריע פון גבורים, יחידים, נאָר אַ קאָלעקטיווע געשיכטע פון דעם קיבוץ, אַלץ יחידה, מיט איר אָריגינעלקייט און אייגנאַרטיקייט, מיט אירע מעלות און חסרונות; די שע־פערישע יחידים פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין ווערק, אָבער זיי זיינען ניט דאָס אייבערשטע פון שטויסל; זיי זיינען וויכטיק אויף וויפיל זיי האָבן געהאָלפן אויספורמען און געשטאַלטן דעם גייסטיקן פּרצוף פון קיבוץ, און האָבן באַרייכערט זיין קאָלעקטיוון באַוואוסטזיין, זיין פאָלקסגייסט, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן . . .

דער מחבר פון דעם ווערק, ד״ר משה שולוואַס, וואוינט אין אַמעריקע אַן ערך צען יאָר, אָבער ווי ס'ווייזט מיר אויס, מאַטערט אים גאָר שטאַרק די פּראָבלעם וועגן דער צוקונפט פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, וועלכער

---

* חיי היהודים באוטליה בתקופת הריניסאַנס מאת משה אַביגדור שולאווס.

געניסט פון אַלע פּאָליטישע און בירגערלעכע פּריוויליגיעס, לעבט אין אַ הויכער און פּילזייטיקער קולטורעלער סביבה, לעבט זיך אויס, כאָטש אין אַ באַגרע־ניצטער פאָרם, אין איר, ווערט בעאיינפלוסט פון איר, און האָט א שטיקל איינ־פלוס אויף איר. צו וועט ער וועלן, און טאַקע זיין ביכולת אָפּצוהיטן זיין רעלי־גיעז־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, און ניט פאַרשלונגען ווערן אין דער קולטור פון דער סביבה, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון דעם לעבנסשטייגער פון דעם רוב בנין און רוב מנין פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, פון וועלכן ער איז ניט איזאָ־לירט, און מיט וועמען ער איז אין קאָנטאַקט אין פאַרשיידענע צווייגן פון לעבן?

רמזים, און אפשר מער ווי רמזים וועגן דער אויבנדערמאנטער פּראָבלעם געפינט דער לייענער אין גאַנצן ווערק, כמעט אין יעדן פּרק. אין דעם קורצן אַריינפיר צום בוך (מבוא) זאָגט דער מחבר בפירוש: „דער יידישער פאָרשער ווערט פאַראינטערעסירט אין דער שילדערונג פון דער תקופה אויך צוליב די „מאָדערנע" פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געמאַטערט דעם יידישן ציבור פון דער רענעסאַנס עפּאָכע: ווי אַזוי צו לעבן אין אַ פרעמדער, פריינדלעכער סביבה, וועמענס קולטורעלער ניוואָ איז אַ הויכער, און ס'זאָל ניט צושטערט ווערן דער יידישער כאַראַקטער פון ציבור און פון יחיד? (כמעט אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג) — און דער מחבר ענדיקט דעם פּאַראַגראַף מיט די דאָזיקע ווערטער: „מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם קאָמפּלעקס פון דעם היסטאָרישן נסיון פון דעם יידישן קיבוץ אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס תקופה, קאָן מען געפונען אַ באַשטימטע הדרכה צו לעזן אייניקע פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען מיט וועלכע ס'מאַטערט זיך אונדזער פאָלק אין די טעג פון בלאָנ־דזשעניש (מבוכה), אין די צווייגן פון רעליגיע, קולטור און קהלה לעבן".

די ביודעים'דיקע, אָדער שלא ביודעים'דיקע טענדענץ איז דער לייט־מאָטיוו פון דעם מחבר, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין וויכטיקן און וואָגיקן ווערק, און איר געפינט טאַקי פילע כאַראַקטעריסטישע היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס צווישן דעם יידישן קיבוץ פון אַמעריקא און דעם יידישן ישוב אין איטאַליע דאַמאלס.

דער איטאַליענישער יידישער קיבוץ האָט זיך אויסגעפורמט פון דריי הויפּט אימיגראַציע כוואַליעס (שלשה גלי הגירה עיקרים אלה): דער פראַנ־צויזישער, דער ספרדישער, דער אַשכנזישער און אויך פון קליינע גרופּעס פון אַנדערע יידישע קיבוצים; אויך דער אַמעריקאַנער יידיש קיבוץ באַשטייט פון דריי הויפּט אימיגראַציע שטראָמען: דער ספרדישער, דער דייטשער און דער מזרח־אייראָפּעישער. יעדער פון זיי האָט מיטגעבראַכט זיינע כאַראַק־טעריסטישע קיבוץ־שטריכן און זיין אייגנאַרטיקייט. פונקט אַזוי ווי אין איטאַ־ליע איז די פּראָבלעם פון צוזאַמגלעבן און צוזאַמנשמעלצן די פאַרשיידענע עדות (געמיינדעס) געווען אַ שווערע און אַ קאָמפּליצירטע, אַזוי איז אויך געווען בא אונדז אין אַמעריקא, און אפילו איצטער הערשט נאָך אַ סאָציאַלע מחיצה צווישן די עלעמענטן פון די אויבנדערמאַנטע עדות. אמת, ניט אין דער זעלבער מדרגה ווי אין די פריריקע דורות . . .

די מחיצה ווערט בהדרגה׳דיק שוואַכער פון טאָג צו טאָג, אָבער זי עק־זיסטירט נאָך, און אירע שפּורן זיינען נאָך בולט אין דעם לעבן פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקא; נאָך אַ שטאַרקער פאַרגלייך איז פאַראַנען צווישן ביידע יידישע קיבוצים: דער שטאַרקער אינערלעכער אימיגראַציע פּראָצעס, וואָס איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג אין אונדזער קאָלעקטיוון לעבן, פּונקט אַזוי ווי אין לעבן פון די יידן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס עפּאָכע. אמת, די סיבות פון דעם פּראָצעס זיינען ניט קיין גלייכע, אָבער דער פּראָצעס איז דער זעלבער שעדלעכער צום יידישן קהלה לעבן אין אַמעריקא ווי אין איטאַליע: פון אַ צוזאַמענלויף פון פאַרשיידענע קהלת איז שווער אויסצופורמען אַ נייע, אָרגאַנישע יידישע קהלה . . .

און אַזוי ווי אין איטאַליע האָבן זיך די פאַרשיידענע אייגנאַרטיקע עדות זיך בהדרגה׳דיק אינערלעך אַסימילירט און האָבן לאַנגזאַם געשאַפן אַ נייען ספּעציפישן יידיש־איטאַליענישן טיפּ, וועלכער איז געווען אַ סינטעז פון די פאַרשיידענע טיפּן פון די אַמאָליקע עדות, אַן איינגעוואָרצלטער אין דער איטאַליענער קולטור סביבה, און טראָץ דעם האָט ער ניט נאָר ניט פאַרנאַכ־לעסיקט זיינע יידישע קולטור אוצרות, נאָר ער האָט זיי באַרייכערט און איבער־געשאַפן אין דעם גייסט פון זיין צייט אין זיין סביבה. אָט אַזוי פאַרשמעלצן זיך אונדזערע יידישע עדות און שאַפן פּאַמעלעך, בהדרגה׳דיק אַן אייגנאַרטיקן יידיש־אַמעריקאַנער טיפּ מיט זיינע ספּעציפישע מעלות און חסרונות.

אמת, זיינע כאַראַקטער שטריכן זיינען ניט נאָך גענוג בולט, אָבער זיי וועלן בהדרגה׳דיק זיך אויסקריסטאַליזירן און אויספורמען, און זיי וועלן מיט דער צייט ווערן אַן אייגנאַרטיקע עטנישע יחידה, וועלכע וועט צוטראָגן איר בייטראָג צו דער פאָלקס קולטור . . .

נאָך אַן אַנאַלאָגישער כאַראַקטער שטריך פון ביידע יידישע קיבוצים, וועלכער מעג אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ער איז ליידער אַן היסטאָ־רישער פאַקט און אַ נעגאַטיווער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן: דאָס יידישע לעבן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס תקופה, פּונקט אַזוי ווי דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקא איז ניט דעמאָקראַטיש, כאָטש מיר לעבן אין אַ דעמאָקראַ־טישער געזעלשאַפט. די גבירהקראַטיע און אירע משרתים האָבן אין איטאַליע געהאַט די הויפּט דעה אין יידישן קהלה לעבן, אַזוי איז עס אויך, ליידער, אין אַמעריקאַנעם יידישן קהלה לעבן . . .

די תלמידי חכמים און די ברייטע יידישע מאַסן ווערן כמעט איגנאָרירט און בטל בששים אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דער מאָדערנער ראַביי אין אַמעריקא, פּונקט אַזוי ווי אין איטאַליע, איז מער אַ סאָציאַלער עסקן ווי אַ גייסטיקער וועג־ווייזער.

מיר וואָלטן געקענט אָנצייכענען פילע אַנדערע אַנאַלאָגיעס, אָבער דער פּלאַץ פון אַ רעצענזיע איז אַ באַגרענעצטער. מיר האָבן מדגיש געווען די אַלע אַנאַלאָגיעס, ווייל מיר באַטראַכטן דאָס פאַר אַ גרויסע מעלה פון דעם ווערק, כאָטש מיר גלויבן, אַז היסטאָריע חזרט זיך ניט איבער, קאָנען מיר

אָבער, און מ׳דאַרף טאַקי לערנען פון דער רעקאָנסטרוקציע פון דער פאַרגאנגנהייט (עבר) צו פאַרשטיין און זיך פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דעם איצ־טיקן דור, און געפינען אפשר א שטיקעלע אָנווייזונג און רמז ווי אַזוי זיי צו לעזן . . .

ד״ר משה שולואס, ווי יעדער לייענער קאָן דאָס באשיינפּערלעך זעען, האָט גרונטלעך אויסגעפאָרשט די רענעסאַנס תקופה. זיינע טעזיסן שטיצן זיך אויף פעראַנטוואָרטלעכע היסטאָרישע מקורות און דאָקומענטן, וועלכע ער האָט אליין אויסגעפאָרשט, אָדער ער שטיצט זיך אויף מקורות פון אנדערע פאָרשער און געלערנטע, יידישע און קריסטלעכע, און זיינע הנחות און באַהויפּטונגען זיינען דעריבער וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט. דאָס בוך איז צוגעגנגלעך פאַר לייענער מכל המינים און איז אינטערעסאַנט, אינהאַלטסרייך און אנגענעם צו לייענען.

די שפּראַך פון דעם ווערק איז וויסנשאַפטלעך עקזאַקט, און דאָך פשיט ניט באַשפּרינקעלט מיט מליצה, כאָטש דאָ און דאָרט געפינט איר אייניקע אויס־דרוקן, וועלכע זיינען פרעמד דעם גייסט פון דער העברעאישער שפּראַך.

א גרויסע שאָד, וואָס דער חשובער מחבר האָט ניט כאָטש אין קליינע „פרשה״ וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַלגעמיינער רענעסאַנס תקופה גופא. יעדער לייענער וואָלט זיך בעסער אָריענטירט אין דעם גייסט פון דער תקופה בכלל, און פון דער יידישער רענעסאַנס באַוועגונג בפרט, ווען ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַן אַריינפיר, וואָס זאָל אים מדריך זיין אין די שפּעטערדיקע פרקים.

אמת, דער מחבר איז ממלא דעם חסרון פון אַן אַלגעמיינעם אריינפיר מיט הערות און באַלייכטונגען וועגן דער טעמא אין זיינע ניין פרשיות פון בוך, אָבער ניט יעדער לייענער איז מסוגל צו זאַמלען און פאַר אַלגעמיינען די צע־שפּרייטע פּרטים איבער דעם גאַנצן בוך און זיך שאַפן פון זיי א גאַנץ בילד.

דאָס איז אָבער נאָר א מעטאָדישער חסרון און פאַרמינערט ניט אויף אַ האָר די חשיבות פון דער באַדייטענדער פאָרשונגס אַרבעט, וועלכע איז אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער יידישער היסטאָריעגראַפיע.

---

יצחק ניומאַן

# דער ספר קהלת

דער ספר קהלת באַשטייט פון צוועלף קאַפּיטלעך און נעמט אַרום פער־זענליכע ביאָגראַפיע, אַפאָריזמען פון לעבענס חכמה; דער פּראָבלעם צדיק און רשע, דער תכלית פון מענטשליכן לעבן, און די טראַגעדיע פון די עלטערע יאָרן.

דער וואָרט קהלת איז טייטש אַ זאַמלונג און לויט די מסורה זאָל האָבן שלמה המלך זיך גערופן קהלת, ווייל ער האָט איינגעזאַמעלט אַלע חכמות, אַלע שפּראַכן, אַפילו די פון חיות, עופות, בוימער און גראָזן און האָט געהערשט איבער מלאכים און שדים.

קהלת איז אויך אַ סימבאָלישער נאָמען, איינער וואָס רעדט פאַר קהל און די סעפּטאַגינטא זעצט איבער עקלעזיאַסטיס (פּריידיגער). אויך דער מדרש רבה זאָגט: למה נקרא קהלת? (וואָס רופט ער זיך קהלת?) מפּני שדבריו נאמרים בקהל (ווייל זיינע רייד רעדן פאַר קהל). ווייטער זאָגט דער מדרש: שלמה האָט געשריבן שיר השירים אין דער יוגנט, משלי אין מיטעלע יאָרן, און קהלת אויף דער עלטער, נאָכדעם ווי ער האָט אבדאקירט פון טראָן און אשמדאי, דער מלך פון די שדים, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר שלמה המלך און געקעניגט אַ שטיק צייט אין ירושלים, בעת דער אמתער שלמה האָט געוואַנדערט אין דער פרעמד און גערופן אני שלמה! אָבער קיינער האָט אים ניט גע־גלויבט . . .

די לעגענדע לייגט צו די פּיס פון אשמדאי די קרומע זאַכן מיט וועלכע שלמה איז געוואָרן געטאַדעלט פאַר די דריי גרויסע זינד, פאַר לאָזן טויטן זיין עלטערן ברודער אדוניה, פאַר פירן אַ גרויסן לוקסוס לעבן פון טייערע פּאַלאַצן מיט טויזנטער פרויען פיל ניט יידישע, און פאַר די גרויסע שטייערן וואָס שלמה האָט אַרויף געלייגט אויפן אָרימען פאָלק. די אַלע זאַכן האָבן געפירט צו דעם, אַז גלייך נאָך שלמה׳ס טויט איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון די מלוכה. אַפילו דער נביא אחיה פון שילון האָט געהייסן ירבעם בן נבטן אָפּ־רייסן אַ טייל פון ארץ ישראל און גרינדן אַ בעזונדערע מלוכה שומרון, און עס איז געווען גאָטס שטראָף וואָס שלמה המלך׳ס יורשים האָבן זיך אַרומ־געריסן איבער די מלוכה . . .

וועגן דעם מחבר פון ספר קהלת איז ביי די מפורשים אַ פּלפּול, די גמרא אין „בבא־בתרא״ זאָגט: דער מחבר איז טאַקע קהלת, ד. ה. שלמה המלך, אָבער רעדאַקטירט איז עס ערשט געוואָרן אין חזקיה׳ס צייטן; עס איז אויך די מיינונג ביי געוויסע פאָרשער, אַז קהלת איז ניט קיין אַנדערער ווי הורקנס דער יידישער הערשער פון עבר הירדן אין דער צייט פון די עגיפּטישער הערשאַפט איבער ארץ ישראל. אַנדערע דענקען, אַז קהלת איז געשריבן פון די איסיים און פון עטליכע פּערזאָנען, ווייל דער סטיל איז אַ געמישטער, פאַראַן אַ פּסיקתא די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן דעם ספר קהלת און אים ניט אריינעמען אין כינוס פון תנך איבער זיינע סקעפּטישע פרייע געדאַנקן, אויך די בית שמאי אין גמרא מגילה זאָגן: קהלת איז ניט הייליק, עס איז אָבער יאָ אַריין אין תנך, צוליב דעם וואָס עס געפונען זיך אויך דאָרט פרומע געדאַנקן ווי די מורא פאַר גאָט, א. ד. ג. טייל פאָרשער פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס דער ספר קהלת נעמט אַרום אַלע שיטות פון וועלט פילאָזאָפיעס, פון יענער צייט, אויף אַ עקלעקטישן אופן, בכדי צו ווייזן ווי גאָט׳ס דרכים קענען ניט דערקלערט ווערן דורך לאָגיק און שכל, און דאָס וואָס עס געפינט זיך אין קהלת אויסדרוקן פון סטאָאישן איינפלוס און איז ענליך צו די לערע פון הערא־קליט מכוח אייביקייט פון באַוועגונג, האָט דער אבן עזרא אויך באַמערקט, אַז קהלת האָט טענות צו גאָט כביכול וואָס האָט ליב די יאָגעניש פון געשעעניש איינע נאָך די אַנדערע ווי אַ רונדן קרייז, און אייביקייט מיינט ניט, אַז די

וועלט איז אַ קדמון און דערמיט אין קאָנפליקט מיט די מעשי בראשית . . .
אָבער אַלע זיינען מסכים, אַז דער ספר קהלת איז אַ דעדוקטיווער ספר און שטייט אין איין מדרגה מיט די ספרים תהלים משלי און איוב וואָס זיינען טיף און רייך מיט ווערטפולע עטישע באַטראַכטונגען.

אין די ערשטע קאַפּיטלעך באַווייזט קהלת די זינלאָזיקייט פון מענטשליכן לעבן, די שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט פון פשוטן בשר ודם, און ער מאַכט אַ קל וחומר — מה דאך איך — שלמה המלך, מיט מיין גאַנצן רייכקייט און מעגליכקייט צו פאַרשן די וועלט; איך — וואָס האָב זיך געבויעט פּאַלאַצן און וויינגערטנער, און מיין חכמה איז מיר בייגעשטאַנען, האָב ניט פאַרמידן קיין פרייד און תענוגים, און נאָך דעם אַלעמען, אַז איך האָב אַנאַליזירט און גוט אַדורכגעטראַכט, האָב איך אויסגעפונען, אַז אַלעס איז נאַריש, הבל הבלים, נישטיקייט און ווינט יאָגעניש, נו, אַז איך קהלת האָב ניט געפונען קיין גליק, — היינט לא כל שכן, אחת כמה וכמה, וואָס קען שוין דערוואַרטן דעם דורכשניטליכן חי וקיים?! . . .

און עס מאַטערט קהלתן די גרויסע אומאָרדנונג פון דער וועלט, ניטאָ קיין ריטם און האַרמאָני, ניטאָ קיין גערעכטיקייט. עס געפעלט אים ניט די וועלט פירונג, אַז דער מענטש מיט זיין גאַנצער חכמה שטייט נידעריקער ווי די טויטע נאַטור —

„אַ דור גייט אַוועק, אַ דור קומט, און די ערד שטייט אייביק . . .
אַלע טייכן גייען צום ים און דער ים ווערט ניט פול,
ווערטער ווערן ניט מיד, דער אויג קען זיך ניט אָנקוקן זאַט —
און דער אויער קען זיך ניט אָנהערן פול.

אויך זעט קהלת ניט קיין האָפנונג, קיין דערוואַרטונג אין דער צוקונפט, ווייל —

וואָס איז געווען וועט זיין, וואָס געשען וועט געשען,
ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.

און קהלת זעט אַ קרומקייט ניט אויסצוגלייכן, אַ פעלער ניט גוט צומאַכן, און דער מענטשליכער לעבן האָט דערפאַר קיין זין ניט, אַפילו מיט חכמה איז עס ניט צובאַנעמען —

פיל קענטשאַפט, פיל ווייטיק, מער חכמה, מער פאַרדרוס.
דער חכם ווי דער נאַר, דער מענטש ווי די בהמה,
איין טראַף טרעפט זיי ביידן . . .

און אין קהלת פּראָטעסט איז דער ביטערער געפיל פון צווייפל און יאוש פון איינעם וואָס פאַרלירט די האָפנונג, אַז זאַכן זאָלן אַ מאָל זיך ענדערן צום גוטן, ווען אַלץ איז שוין פון פריער באַשטימט פון די השגחה:

„אַז די וואָלקן ווערן פול מיט רעגן, ליידיקן זיי זיך אויס
אויף דער ערד״.
„אַז אַ בוים פאַלט אין צפון אָדער דרום, דאָרט וואו ער
פאַלט ליגט ער״.

און קהלת איז איבערצייגט, אַז עס איז קיין תכלית אין מענטשליכן לעבן. אַלעס איז ניט מער ווי אַ אילוזיע און ווינט יאָגעניש.

קהלת איז ניט אויסן צו זאָגן ווערטער מוסר, אויך קיינעם ניט געבן קיין עצות, אָבער צווישן זיינע טענות און תרעומות וואַרפן זיך אַדורך אַ שלל, אַ אוצר פון קלוגע לעבנס חכמות, אַ שטייגער:

„פאַר אַלעס איז דאָ אַ צייט״.
„ניטאָ אַ צדיק וואָס זאָל ניט זינדיקן״.
„זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטס מענטש״ . . .

ער דערציילט נאָר זיין לעבנס דערפאַרונג: וואָס נאָך גוט אַדורכטראַכטן אַלע חשבונות, אַלע סך הכל׳ס, קומט ער צום באַשלוס, אַז אַלעס איז הבל הבלים.

דער עיקר טענה וואָס קהלת האָט קעגן די מערכה איז איבער דעם פּראָב־לעם פון צדיק ורע לו, רשע וטוב לו, דער צדיק לייד יסורים, און דעם רשע באַגליקט, —

„אַלץ האָב איך געזען אין מיינע נישטיקע טעג״.
„פאַראַן אַ צדיק וואָס גייט אונטער אין זיין צדקת״
„און פאַראַן א רשע, וואָס איז מאריך ימים אין זיין שלעכטקייט״.

עס זעט אויס ווי די השגחה שפּילט אָפּ אַ שפּיצל און באַצאָלט דעם רשע פאַר די גוטע פירונג פון צדיק, און פאַרקערט — באַשטראָפט דעם צדיק פאַר די שלעכטע מעשים פון רשע, טאָ וואו איז דער שכר? וואו איז דער עונש? נישט אַנדערש, ווי דער מענטש איז פאַרפלאָנטערט אין זיין גורל און ער איז געפאַנגען ווי אַ פיש אין אַ נעץ, ווי אַ פויגל געכאַפּט אין אַ פאַסטקע, און קהלת ווערט טרויעריק און איז מקנא די טויטע:

„די טויטע וואָס זיינען געשטאָרבן, זיינען גליקליכער פון די
„וואָס לעבן נאָך, און בעסער דער טאָג פון טויט, פון טאָג וואָס מע
„ווערט געבוירן, בעסער גיין אין הויז פון טרויער, ווי פון אַ סעודה״.

אויך זעט קהלת די עלטערע יאָרן ווי טרויעריק און ביטער, ווען די אברים פון מענטשן ווערן אָפּגעשוואַכט, און קהלת פאַרענדיקט מיט די ווערטער, אין לויף פון די טעג וועט אַלעס סיווי פאַרגעסן ווערן, אָבער דער סוף פון דער זאַך: ניטאָ קיין אויסוועג — האָב מורא פאַר גאָט, היט זיינע געבאָטן, וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש, און גאָט וועט ברענגען דעם גאַנצן באַשאַף צום משפּט, איבער אַלעס פאַרהוילונג, סיי גוט, סיי שלעכט, קהלת איז אַ קוואַל פון שטודיע פאַר געלערנטע פון אַלע צייטן, און איז פאַררעכענט פאַר אַ קלאַסיש בוך וואָס האָט אינטריגירט אַ סך יידישע און וועלטליכע דענקער.

פראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַן

# אימפּרעסיע

ליבער פריינט פרידלאַנד!

איך בין אייך שולדיק אַ האַרציקן דאַנק פאַר דעם נחת רוח, פאַר דעם טיפן עסטעטישן געווס, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט מיט אייער דערציילונג „זיין גרויסער נסיון״. זי איז געשריבן אין „גרויסן סטיל״ און האָט אין זיך אַלץ, וואָס ס׳פאָדערט זיך אויפן געביט פון דערציילישער קונסט, אַז אַ דער־ציילונג זאָל בלייבן קלאַסיש; סיי די וויכטיקייט פון דער טעמע און סיי די לעבעדיקייט פון די פּערסאָנאַזשן. וואָס ס׳צייכנט אייער דערציילונג באַזונדערס אויס, איז די אַזוי שווער דערגרייכבאַרע קונסט צו פאַרוואַנדלען דעם עבר אין פּריש־צאַפּלדיקע קעגנוואַרט. איר האָט עס אין „זיין גרויסן נסיון״ דערגרייכט אין אַ פולער מאָס. אייער שפּראַך איז דאָ אפשר די געשליפנסטע, וואָס — אויף וויפיל איך קען אייער שרייבן — איר האָט ווען ס׳איז באַנוצט.

ס׳איז דאַריבער נישט וויכטיק צי אייער דערציילונג איז אַ פראַגמענט פון א גרעסערער זאַך (וועלכע איך דערוואַרט, נאַטירלעך, מיט גרויס אינ־טערעס); זי איז אַ ווערטפולע שאַפונג אין זיך אליין, און במילא פון אַ דויערנ־דיקן ווערט.

מיין באַגריסונג, און תחזקנה ידיך!

אויב איר ווילט עס פאַרעפנטלעכן אין „חשבון״, האָט איר מיין צו־שטימונג. מיט פריינטלעכסטן גרוס,

אייער סאָלאָמאָן קאַהאַן

---

# טראַכטנדיק אין דער הויך

דער אויבנגעדרוקטער בריוו פון אונדזער חשוב׳ן שריפטשטעלער און מוזיקאָלאָג סאָלאָמאָן קאַהאַן, האָט מיך אַרויסגעפירט אויף א מחשבה, וואָס כ׳וויל עס דאָ אַרויסזאָגן אין דער הויך. נעמלעך מכוח דעם: ווי ווייניק אונדזערע אָפיציעלע אַזוי־גערופענע יידישע קריטיקער שיינקן וועלכן עס איז אויפמערק, צו די ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס באַווייזן זיך, דאָ און דאָרטן, אין אונדזערע יידישע צייטשריפטן און זשורנאַלן.

בדרך כלל, האָט זיך געשאַפן אַ ביז גאָר אומפריינדלעכע און כמעט ביטול׳־דיקע באַציאונג מצד אונדזער יידישער קריטיק צו די אַלע דערשיינענע יידישע זשורנאַלן און זייערע בייטראַגער. מילא, אַז ס׳קומט אַרויס אַ ניי בוך פון אן אלט באַקאַנטן שרייבער, נעמען זיי עס נאָך, ווי עס איז אין האַנט „איבער־

צובלעטערן״. אויף אַ ניט באַקאַנטן, אָדער ווייניקער באַקאַנטן מחבר וועט די קריטיק זיך אַפילו צו דעם בוך ניט צורין גאָר אין גאַנצן! סיידן דורך נאָענטע זכות־אבות . . . מעג די שאַפונג אפילו זיין פון א קרנדיקן ווערט. אוודאי און אוודאי שיינקט נישט די קריטיק קיין אויפמערק, אַ גוט ליד, אָדער דערציילונג, וואָס באַווייזט זיך, דאָ און דאָרט, אין איינעם פון די זשורנאַלן וואָס דערשיינען אין יידישן אַמעריקע.

גאָרנישט קיין גוטע מערכה, ביי דער יידישער קריטיק, האָבן אונדזערע יידישע זשורנאַלן!

אָט דערשיינען אין גרויס ניו יאָרק עטלעכע ליטעראַרישע זשורנאַלן: „ווייטער״; „אויפסניי״; „זיין״, א. א. וועלכע באמיען זיך אַרויסצופירן יונגע אָדער נייע פרישע טאַלאַנטן צו שטאַרקן אַביסל אונדזער פּאַראיינזאַמטער און וואָס אַמאָל מערער פאַיתומטער יידישער ליטעראַטור; האָט ווער פון אונדזערע קריטיקער זיך פאַרטראַכט אַמאָל אַרויסצוקומען אין זייערע אַרטיקלען אין דער פּרעסע מיט אַ דערמוטיקט וואָרט צו די אַרויסגעבער און שרייבער פון די דערמאָנטע זשורנאַלן? . . . ניין, מע שיינקט לחלוטן נישט קיין שום אויפמערק! בעת די אויפגאַבע פון אַ קאָנסטרוקטיווער און אחריותפולער קריטיק איז יאָ צו באַמערקן, די ניי צוגעקומענע שרייבערס און מחברים; דערמוטיקן זיי און אַפילו אָנווייזן שוואַך־פונקטן דאָ און דאָרט: פּונקט ווי מע טוט עס צו אַן איינצלנעם מחבר פון אַ בוך על־אחת־כמה־וכמה, דאַרף עס אויך געטאָן ווערן צו אַ קאָלעקטיוו פון אַ זשורנאַל, וועלכער טראָגט אויף זיך אַ מער געזעלשאַפטלעכן און אחריותפולן חותם. צום באַדוירן האָט אונדזער קריטיק צו די זשורנאַלן ניט דעם מינדסטן צוגאַנג און באַצי.

גאָר באַזונדער איז עס חל אויף אַן אויסגאַבע, וואָס דערשיינט אין דער וויית־ווייטער פּראָווינץ, לאָס אַנגעלעס, ווי אונדזער פּערטל יאָר־שריפט „חשבון״. מיר דאָ געפינען זיך אין אַ גאָר ספּעציפישן ניט גינסטיקן מעמד: כידוע, „ביי זיך אין שטאָט איז מען קיין נביא״! דער יידישער פּראָווינצער, בעיקר דער יידיש קולטורעלער לייענער, קוקט תמיד אַרויף צו גרויס ניו יאָרק: „וואָס וועט ניו יאָרק זאָגן״ אויף דער לאָקאַלער אויסגאַבע? . . . אויב דער אָדער יענער קריטיקער האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט אַ פריינדלעך וואָרט וועגן דעם זשורנאַל, איז אַ סימן־מובהק, אַז „ס׳טויג נישט!״ . . .

ס׳איז אפשר גאָרנישט אַזאַ געהויבענע מיינונג צו טראַכטן וועגן אַזעלכע „קולטורניקעס״, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע מיינונג, נאָר וואַרטן אויף דער הסכמה פון דעם, אָדער יענעם גדול אין ניו יאָרק, אָבער, דאָס איז נישט סתם אַן השערה פון דעם שרייבער פון די שורות, דאָס זיינען דברים כהיותם: אונדזערע אַזוי־גערופענע ליטעראַטור קריטיקער קענען אַפילו נישט תופס זיין אָט דעם עלעמענטאַרן געדאַנק, אַז א וואַרעם דערמוטיקט וואָרט צו די דערמאָנטע זשורנאַלן וואָלט היפשלעך פאַרגרינגערט זייער מערכה פון דער שווערער מי און ניט ווייניק זאָרג אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אין אַ סביבה פון גלייכ־

גילט שוין מצד די „בעסטע״ און אין אַן אַלץ פאַרכאַפּענדיקער שפּראַך אַסימי־לאַציע . . .

דער איינציקער וואָס האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ וואַרעם דערמוטיקט וואָרט לטובות אונדזער שריפט (און זאָל עס אים זיין לשבח), איז געווען דער חשוב׳ער דיכטער, גלאַנץ לעיעלעס אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ אין זיין „וועלט און וואָרט״. ווי איינער מיט אחריות און ערנסטע באַציאונג צו יידישער שעפערישקייט איז געווען נאַטירלעך צו דערוואַרטן, אַז ער זאָל עס נישט פאַרבייגיין אומ־באַמערקט. די אַנדערע הפּנים פעלט אָט דער אַטריבוט פון געזעלשאַפטלעכער אַחריות און באַציאונג.

ובכן, באַקומענדיק אָט דעם אָפּשאַצנדיקן בריוו פון דעם חשוב׳ן שריפט־שטעלער, קריטיקער און מוזיקאָלאָג, סאָלאָמאָן קאַהאַן, וועגן מיין דערציילונג „זיין גרויסער נסיון״ אין לעצטן נומער (14) „חשבון״, איז מיר אַרויפגעשאוּמען די מחשבה וועגן אונדזער יידישער אָפּיציעלער קריטיק, און ווי וויניק זי דער־פילט איר אויפגאַבע צו וועלכער זי איז באַרופן אויסצופירן.

י. פּ.

---

## וואָס דאַרפן מיר פאָרן אַזש קיין לאָנדאָן?״

אין זיין קאָלום „פּראָסט און פּשוט״ פון זונטאָג דעם 13טן יולי, האָט דער באַרימטער דיכטער יעקב גלאַטשטיין דערציילט פון אַ קול קורא, פון יידישע שרייבער אַזש פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, אין וועלכן זיי רופן צום דאָרטיקן יידישן ישוב, וועלכער האָט איצט 280 טויזנט יידן, אַז זיי זאָלן אַנטקעגן קומען מיט גיכער הילף זייער וואָכנשריפט.

„אויב מיר זאָלן נישט באַקומען צוגעשיקט אַ סומע פון 1000 פונט, דראָט, אַז די „יידישע שטימע״ זאָל מוזן אויפהערן צו דערשיינען״.

„אין אַ שטאָט פון 280 טויזנט יידן, האַלט אַן איינציק וואָכנבלאַט ביים אונטערגיין — קאָמענטירט גלאַטשטיין — ווייל מע בויטיקט זיך אין אַ טויזנט פונט. ס׳איז באמת קריעה צו רייסן, ווי פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט ס׳קאָן ווערן אַ יידישער ישוב, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן אַזאַ טייערן אוצר ,דאָס יידיש לשון; און צוליב 1000 פונט זאָל דעם ישוב׳ס „יידישע שטימע״ מוזן אויפ־הערן צו דערשיינען. און . . . יעקב גלאַטשטיין פאַרענדיקט זיין קאָלום מיט דער זייער טרעפלעכער באַמערקונג:

— „וואָס דאַרפן מיר פאָרן אַזש קיין לאָנדאָן?״

—„אָט איז פאַראַן אין אַמעריקע אַזאַ כרך ווי לאָס אַנגעלעס (מיט נאָך מערער יידן ווי אין לאָנדאָן — 400 טויזנט כן ירבו! — רעד.), אָבער אויך דאָרט איז נישט מעגלעך אַויסצוגעבן אַפילו אַ יידיש וואָכנבלאַט.

— „מוטשעט זיך דאָרט אַ פערטל־יאָר שריפט „ח ש ב ו ן״, וואָס ווייזט,

רעד.

אַז דער ישוב האָט נאָך אַסך לעבעדיקע שעפערישקייט. דער רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד און דער רעדאַקטאָרן־ראַט פון וו. נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג — גוט באַקאַנטע נעמען. דער זשורנאַל ווערט אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קול־טור קלוב און שרייבער קרייז — און ס׳איז בפירוש פאַראַן אין לאָס אַנגעלעס אַ שרייבער קרייז, אָבער, ביי זייער בעסטן ווילן, איז די דאָרטיקע שרייבערס נישט געלונגען צו שאַפן אַ פּערמאַנענטע יידישע וואָכן צייטונג פאַר דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן ישוב״.

ליבע יידישע לייענער! וואָס נאָך מערער קאָן מען צוגעבן צו דעם קול קורא אַזש פון לאָנדאָן? . . . אַז אונדזער אייגענער קול קורא, פאַר דער באַ־פעסטיקונג פון דעם איינציקן זשורנאַל אויף יידיש אין לאָס אַנגעלעס, איז געבליבן ווי אַ קול קורא אין דער מדבר!? (לייען דעם אַרטיקל איבער דעם זעלביקן ענין, אין לעצטן נומער 14 „חשבון״ פון י. פ.) — אָ, ווי גערעכט אונדזער חשוב׳ער דיכטער יעקב גלאַטשטיין איז, מיט זיין טרעפלעכער באַ־מערקונג:

— „מיר קענען גוט „פון צו הויזע״ די אַלע מויל־שרייערס, וואָס זאָגן, אַז מע דאַרף יידיש, אַ יידישע שריפט, אָבער די האַנט טוט גאָרנישט מקיים צו זיין וואָס דאָס פרומע מויל רעדנערט״.

אוי קענען מיר זיי! . . . אָט די „מויל־שרייערס״ . . .

אָט די אַזויגערופענע פרומע יידיש־ליב־האָבער!

זיי זיינען אומעטום פאַראַן — אין לאָנדאָן, ווי בא אונדז אין דער פרעטענדירטער קולטורעלער לאָס אַנגעלעס! . . .

רעד.

---

**א. כראַבאַלאָווסקי**

## צווישן צייטשריפטן און זשורנאַלן

דאָס יידישע לעבן איבער דער וועלט איז ניט און קען ניט זיין פון „איין שטיק געגאָסן״. דער סימן מובהק פון לעבן בכלל איז די פאַרשידנ־אַרטקייט, און פאַרשידנפאַרביקייט פון אידייען, לשון, אויסדרוק, אייגנאַרט און שטייגער לעבן. אין נאָך אַ גרעסערער מאָס איז דאָס אמת וועגן יידיש לעבן. די צוזאַמענשטויסן,, אידייען און געדאַנקען־אויסטויש, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דער יידישער עפנטלעכקייט, ווייזן, אַז דער פּולס פון יידישן לעבן קלאַפּט אומעטום, וואו עס לעבן יידן. שטיל און שטום איז נאָר אין טאָטאַליטאַרן לאַנד, אָדער אויפן בית עולם. אַקטיוו לעבן קען ניט זיין שטום און שווייגנדיק.

דר. יוסף קרוק איז געווען אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין פּוילן און איז איצט אין ישראל. פון זיין יוגנט אָן ביז די לעצטע יאָרן פון חורבן

פוילן, איז ער געשטאנען אָן דערשפּיץ פון ס. ס. „פּאַראייניקטע" און „אומ־אָפּענגיקע". ער איז ביז היינט געבליבן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער יידישער סאָציאַליסט און אַ שריפטשטעלער פון ברייטן פאַרנעם. ער איז אַ מיטאַר־בעטער פון „דבר" און פון צאַנינס יידישער „נייע צייט"—„היינטיקע נייס". איינער פון זיינע אַרטיקלען אין „היינטיקע נייעס" פון 18טן אַפּריל ד. י. הייסט „יידיש און סנאָביזם" און רעדט פאַר זיך אליין.

שרייבנדיק וועגן קריזיס, וואָס דער ציוניזם לעבט איצט איבער, און ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער לעצטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים, באַמערקט ער צוו"א:

„א גרויסע פּראָגראַמאטישע רעדע האָט געהאַלטן דער פּאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ד"ר נחום גאָלדמאַן. גערעדט האָט ער יידיש און מען האָט באַמערקט, אַז זיין רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם גרויסן עולם — אין אַ רייע שטעלן האָבן זיינע ווערטער אַרויס־גערופן שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן, ווייל ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ רייע בילדער און אויסדרוקן, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט און אויך מיט טיפּיש יידישע ווערטלעך, וועלכע האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן זיינע גרונט־געדאַנקען."

„דר. גאָלדמאַנס רעדע איז גלייכצייטיק איבערזעצט געוואָרן אין עברית, ענג־ליש און פראַנצויזיש. איך האָב ספּעציעל קאָנטראָלירט וויפל מענטשן אין זאַל באַנוצן זיך מיטן איבעזעצונג־אַפּאַראַט. צווישן דעם עטלעכע הונדערט קע־פּיקן עולם זיינען געווען זעקס מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען זיין יידיש לשון."

„אַנדערש האָבן געהאַנדלט א ריי דעלעגאַטן, בפרט פון אַמעריקע און ענגלאַנד. ס'זיינען געווען דעלעגאַטן פון מזרחי, וואָס האָבן געפּרעדיקט דעם „יידישן גייסט" און גערעדט ענגליש — — — באַלד נאָך דער רעדע, אין די קולוארן און אין בופעט האָבן זיי גערעדט אַ געשמאַקן יידיש, אָבער אין מאָ־מענט, ווען זיי גייען אַרויף אויף דער טריבונע, באַנוצן זיי זיך ניט מיט דער שפּראַך פון זייערע טאַטעס און מאַמעס; מיט דער שפּראַך, מיט וועלכער אַסך פון זיי זיינען „געשטיגן אויף אַ העכערן שטאַפּל" און בשעת דעם גרעסטן קריזיס, וואָס יידן און יידישקייט לעבן איבער, באַמיען זיי זיך דווקא צו רעדן אין אַ פרעמדער שפּראַך צו זייערע ברידער און נאָענטע חברים. אַ פירער פון ניו־יאָרק, וואָס קען גוט יידיש, רעדט ענגליש צו זיין ברודער אין אַרגענ־טינע, אָדער פאַריז און יענער הערט די יידישע איבערזעצונג" . . .

ווייטער שרייבט דר. קרוק, אַז דאָס איז ניט קיין נייע דערשיינונג, נאָר די אמתע גלות־פּסיכאָלאָגיע פון די פּחדנים אין אַלע צייטן, וואָס האָבן זיך באַמיט צוצופּאַסן צו די שטאַרקע מלוכות, צו די שטאַרקע פעלקער און ער רופט עס אָן סנאָביזם.

אין משה גראָסמאַנס „היימיש" פון 24טן אַפּריל, ד. י., איז פאַרעפנטלעכט שוין אַ מער שאַרפערער בריוו־אויסטויש צווישן רעדאַקטאָר מ. ג. און א. שמאַי, וואָס איז איינער פון די פסעוודאָנימען פון ד"ר אב"א אחימאיר. דער דאָקטאָר טרעט אַרויס קעגן אַן אַרטיקל, אין „היימיש" פון אַלעקסאַנדר פון סידני, אויסטראַליע, וואו ס'האָט זיך געפונען אַזאַ פּערל אויפן אדרעס פון ד"ר אחימאיר: „איך צווייפל צו דער רשע שטרייכער (די ערד זאָל אים אַרויס־וואַרפן!) וואָלט געווען פעאיק צו דערלאַנגען עפּעס שענערס פון דעם, וואָס האָט דערלאַנגט אחימאיר". דר. אחימאיר פאַרענטפערט זיך פאַר זיין אָנפאַל אויף יידיש אַזוי:

„מיר האָבן ניט פיינט יידיש, פּונקט ווי מיר האָבן ניט פיינט לאדינא, אַראַמיש, אָבער מיר האָבן פיינט יידישיזם, וועמענס טרעגער חלומען צו פאַר־וואַנדלען מדינת ישראל אין אַ מגדל בבל מיטן כח פון געלט פון בונדישע גבירים (??? א. כ.), וועלכע לעבן אין ניו יאָרק, אין סידני..

אין זיין ענטפער, שרייבט משה גראָסמאַן צוו"א:

1) פאַרוואָס, אַז ווער פון די עסקנים, שרייבער (און אויך מושלים) באַ־ליידיקן דעם בר פלוגתא — איז עס נאָרמאַל און נאַטירלעך, נאָר טאָמער ענטפערן די באַליידיקטע אָפּ אין אַ שאַרפן טאָן — איז באַלד אַלאַרמירן מיר און פאָדערן שטרענגע שטראָפן?

2) ד"ר אחימאיר האָט געשריבן, אַז די יידישע שרייבער זיינען עמי־הארצים, בורום — איז פון וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע באַליידיקונג איז דאָס? — אַ לייכטע?

3) אין אייער שנאה צו יידיש האָט איר פיינט אַלע חובבי יידיש פון אַלע מינים און פאַרבן: אַלע ספרי יידיש. לויט אייך איז די ליבע פון ציוניסטן צו ישראל ניט ווערט קיין פּרוטה, אויב זיי האָבן אויך ליב יידיש".

---

אין ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט פון 30טן מאַי ד. י., שרייבט ישראל ראַבי־נאָוויטש וועגן לייוויקס אַרויסטריט אויף דער ארבעטער־רינג קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל:

„לייוויקס רעדע איז געווען פּונקט אַזוי רייך אין אינהאַלט, ווי פּרעכטיק שיין אין איר פאָרם. זיין טעמע איז געווען „דער יידישער שרייבער און דער יידישער לערער".ביידע שטייען אין אַ גרויסער נאַציאָנאַלער שליחות, און אויף ביידן פאַלט אויס דער זעלביקער גורל צו ראַנגלען זיך מיט אַ גלייכ־גילטיקער און אָפט פיינטלעכער סביבה. אָפט זיינען ביידע אין דער ראָל פון אַ דאָן קיכאָט, וואָס „שלאָגט זיך מיט ווינטמילן".

„לעצטנס האָט מען שוין פון וואָרטקינסטלער אָנגעהויבן אָװעקנעמען (אַפי־לו) די ווינטמילן, מיט וועלכע עס קומט אים אויס זיך צו שלאָגן.

צום ביישפּיל: „ערשט גאָר לעצטנס, לכבוד דער פרײדיקער פײערונג פון צען יאָר מדינת ישראל איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ריזיקע פײערונג אין דאָרטיקן „פּאָלאָ־גראַונדס", און ס׳איז ניט געווען דאָרטן איין רעדנער אויף ייִדיש, טראָץ דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון עולם, וואָס איז אהין געבראַכט געוואָרן דורך דער ייִדישער פּרעסע, האָט געלעכצט נאָך דער וואַרעמקייט פון אַ ייִדיש וואָרט. לײוויקן האָט מען, נאָך לאַנגע אײנבעטעניש בײ די אַראַנזשירער, צוגעטיילט די אויפגאַבע צו לייענען צוויי לידער. דאָס איז געווען די „קאָנצעסיע", אָבער ער האָט זיך דאָרטן געפילט ווי ער גייט אויף אַ דראָט, ווייל די גאַנצע זאַך איז געווען ווי אויסגעבעטלט".

---

## דיסקרימינאַציע קעגן ייִדיש

אין „דער שטימע" פון מעקסיקע, גיט איבער דער באַוואוסטער שריפט־שטעלער סאלאמאָן קאַהאַן אַ באַריכט פון ד"ר גוטמאַן, אַ גלויבנסווערטן מענטשן, וועלכער האָט באַזוכט די וועלט אויסשטעלונג אין בריסל און דעם ישראל פּאַוויליאָן מיט דער אָפּטײלונג, געווידמעט דער פּרעסע פון מדינת ישראל. אויסער די ישראל צייטונגען און זשורנאלן אין העברעאיש, האָט ער אויך דאָרט געזען ישראל צייטשריפטן און כלערליי שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש, פּויליש, אונגאַריש, בולגאַריש, אָבער קיין אײנציקע פּעריאָדישע אויסגאַבע אויף דער ייִדישער שפּראַך. ייִדיש איז אין דער פּרעסע אָפּטײלונג פון דעם ישראל פּאַוויליאָן אויף דער וועלט אויסשטעלונג אין בריסל לא יזכר ולא יפקד".

מיט רעכט פרעגט סאלאָמאָן קאַהאַן — „מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט די ישראל רעגירונג אנגעווענדט צו די ישראל צייטונגען און זשורנאַלן אין ייִדיש די דאָזיקע דיסקרימינאַציע? . . . שעמט זי זיך אפשר מיט אַזאַ פּרעכטיקן זשורנאַל אין ייִדיש ווי „די גאָלדענע קייט"; מיט אַזאַ ערשט־קלאַסיקער צייטונג, ווי „די לעצטע נייעס", אָדער מיט אַזאַ מוסטער גילטיקער חודש־שריפט ווי „היימיש"?

שעמט זי זיך בכלל מיטן פאַקט, אַז ס׳עקזיסטירט אין ישראל אַ ייִדיש געדרוקט וואָרט, און די טויזנטער באַזוכער פון דער אויסשטעלונג אין בריסל זאָלן זיך וועגן אָט דעם „שעטנז" נישט דערוויסן?"

סאלאמאָן קאַהאַן האָט אויסגעדרוקט זיין פּראָטעסט קעגן אָט דער דיסקרימינאַציע פון ייִדיש און אַ בריוו אין דער „שטימע" פון וועלכער ער איז אַ חשובער מיטאַרבעטער. ס׳קומט קאַהאַנ׳ן אַ „יישר כח" פאַר אָט דעם עפּענטלעכן פּראָטעסט. ס׳האָט זיך געשאַפן אין די תפוצות אַזאַ מצב, אַז וואָס פאַר אַן עוולה די ישראל מלוכה אָדער אירע פונקציאָנערן זאָלן ניט אָפּטאָן, האַלט מען זיך צוריק פון ציען דעם אויפמערק און רעאַגירונג. און דאָס איז צום באַדויערן.

**א. באַביטש**

# פ ע ד ע ר - ש פּ ר י צ ן

לעצטנס פייערט מען אין ישראל און אין דער גאַנצער יידישער וועלט די עקזיסטענץ פון צען יאָר מדנת ישראל. ווידמען מיר, טיילווייז, אונדזער היינטיקן קאָלום, די דאָזיקע געשעעניש, אַרויסגענומען פון פאַרשיידענע קוואַלן.

אָט איז אַ פראַגמענט פון ש. שבתי׳ת קאָרעספּאָנדענץ, וויאַזוי תל־אביב האָט געפייערט דעם חג־העשור. ער דערציילט:

„1800 מענטשן, צווישן זיי — 300 קינסטלער — האָבן זיך באַטייליקט אין דער דורכפירונג פון די פייערונגען. די שמחה האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט. אין די גאַסן האָבן געיומטובט אַרום 200 טויזנט מענטשן. אויפן טראָטואַר פאַר דער „כסית" קאַפעי שטייגט אַרויף אַ זיבעציק יעריקער טוריסט אויף אַ שטול. ער איז שטאַרק בגילופין. ער שרייט אויף יידיש: איך בין גליקלעך! כ׳בין זייער גליקלעך!" . . .

☆☆☆

ביי אַ פאַרזאַמלונג פון אַמעריקאַנער טוריסטן אין תל־אביב איז דורכגעגאַנגען אַ פאָרשלאַג, אַז במשך דער צייט וואָס די טוריסטן געפינען זיך אין לאַנד, זאָל די כנסת מער ניט האַלטן קיינע פאַרזאַמלונגען, נאָר — זיך אינגאַנצן אָפּגעבן מיט אַרומפירן די געסט . . .

☆☆☆

גאָלדע מייער, רעדנדיק וועגן די צען יאָר, וואָס די מדינה איז דורכגעגאַנגען, האָט באַמערקט, אַז יעדן קלאַפּ, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונדזערע שונאים, האָט אונדז מער געשטאַרקט, ווי דאָס פּאַטשן אין פלייצע פון געוויסע פריינט . . .

☆☆☆

עס קאָכט זיך אין ישראל וועגן דעם „סווימינג־פּול". מיר האָבן אָבער פאָרויס געזאָגט, אַז ישראל וועט דערפון טרוקן ניט אָפּשניידן! . . .

☆☆☆

דער קאָנדוקטאָר אויפן באַן נעמט ביי אַ ייד דעם בילעט, טוט אויף אים אַ קוק און זאָגט מיט בייזן קול: „דער בילעט איז פאַר אַ געוויינטליכן צוג און איר פאָרט מיט אַ שנעל־צוג! . . . נו, זאָל ער פאָרן פּאַמעלעך — ענטפערט דער ייד — איך האָב צייט. ס׳ברענט ניט! . . .

☆☆☆

ווען י. י. שוואַרץ איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס און פּרובירט צו פאַרקויפן זיין איבערזעצונג פון יהודה הלוי צו אַ רייכן יידן, האָט זיך

יענער אָפּגעזאָגט: ער קויפט ניט קיין יידישע ביכער! האָט אים איינער, וואָס איז געשטאַנען דערביי אין דער שטיל דערציילט, אַז יהודה הלוי האָט נעבעך איבערגעלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט פיצלעך קינדערלעך . . . האָט דאָס דעם נגיד אַ צופּ געטאָן ביים הארצן: — וואָרום האָט איר דאָס מיר פריער ניט דערציילט? און אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ היבשן טשעק פאַר יוהדה הלוי׳ס אלמנה מיט די פיצלעך קינדערלעך . . .

☆☆☆

די לאָס אַנדזשעלעסער שרייבער פרעגן: צי האָט דער פאַרשטאָרבענער ש. מיללער ע״ה איבערגעלאָזט אַזאַ מין צואה, אַז נאָר קאָלעגן פון ניו יאָרק זאָלן רעדן צו זיין לויה? . . .

☆☆☆

אַן אויפשריפט אויפן טיר פון היגן „אינסטיטוט״ זאָגט דעם עולם: די שולע איז צוגעמאַכט פאַרן זומער. מיט אַלע וויכטיקע ענינים — ווענדעט זיך צום „דזשעניטאָר״! . . .

☆☆☆

דער סעקרעטאַר פון דעם זשורנאַל „חשבון״ כראבלאָווסקי, האָט באַקומען אַ פּאָסט קאַרטל פון אַ לייענער, וואָס פלעגט אַלעמאָל אויסבאָרגן דעם זשורנאל אויף צום לייענען ביי זיינעם אַ שכן. אָבער דער דאָזיקער שכן האָט זיך אַרויסגעקליבן. בעט דער לייענער ביים סעקרעטאַר, אַז ער זאָל אים צושיקן אַ נאָמען מיט אַן אדרעס פון אַן אַנדער לייענער אין זיין געגנט, כדי ביי יענעם ווידער באָרגן דעם „חשבון״.

☆☆☆

אַנטקעגן דעם וואָס מען זאָגט: „ער האָט גענומען פון אַנדערע קוואַלן״, זאָגט אַ שרייבער, אָדם הראשון׳נען איז געווען גוט! מחמת ער האָט געוואוסט, אַז וואָס ער האָט ניט געזאָגט, האָט דאָס קיינער ניט געזאָגט פאַר אים . . .

☆☆☆

די צייטונג „דער וועג״ אין מעקסיקע, פון שבת דעם 19טן אַפּריל ה״י, האָט איבערגעדרוקט י. פרידלאנדס גרעסערע דערציילונג „זיין גרויסער נסיון״ פון לעצטן נומער זשורנאל „חשבון״. איז טאַקע זייער פיין! אָבער . . . וואָרום דערמאָנט ניט די צייטונג, אַז ס׳איז פון „ח ש ב ו ן״?!

## אויפמירקזאַם!

**באַנייט אייער אַבאָנעמענט אויפן זשורנאַל „חשבון״. וואַרט ניט מע זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס׳איז אייער חוב אויפצוהאַלטן די איינציקע שריפט אויף יידיש, אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס**

**בען צוקערמאַן**

# דער איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אַמערי־קאַנער יידישקייט פאַר די לעצטע 25 יאָר

שמואל ניגער ע"ה האָט בשעתו אין זיינעם אַן אַרטיקל אין „טאָג־אָרגן־זשורנאַל" פון 23טן סעפּטעמבער 1950 אָנגערופן די היינטיקע יידישקייט, דאָ ביי אונדז אין לאַנד, „בענקשאַפט יידישקייט". די דאָזיקע בענקשאַפט יידישקייט האָט ער געהאַלטן פאַראייניקט אַלע יידן אין לאַנד. איינער בענקט, שרייבט ער, נאָך אַיין מין יידישקייט, אַ צווייטער בענקט נאָך אַן אַנדער מין יידישקייט אין יידישן לעבן. מען צערייסט אונדז, מען צעטיילט אונדז, מיר צערייסן זיך און צעטיילן זיך אַליין אויף פאַרשיידענע גרופּעס, וואָס יעדע גרופּע לעבט אויס אין איר בענקשאַפט, אין איר יידישקייט. ניט אַלע יידן דאַוונען פון איין סידור; די וועלטלעכע ווערטן פון יידישער קולטור זיינען אַוודאי ניט גלייך ביי אַלע יידן. די מאַס, די באַציאונגען זיינען אַנדערש, אַנשטאָט צו זיין איין איינהייט, וואָס ביי איין טייל פאָלק איז זייער וויכטיק, שטייט ברומו של עולמו, איז גאָר ניט וויכטיק ביים צווייטן און דריטן טייל. אַזוי איז אויך אין פראַגן פון שפּראַך. שמואל ניגער באַדויערט עס און פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיטן בטחון, אַז אפשר וועט פון דעם דור הפלגה אנטשטיין אַ יידישקייט פון איצט און דאָ. די מער ממשותדיקע יידישקייט האַלט דאָך שוין ביים ווערן אַ נעכטיקער טאָג, אַ שאָטן, אַ חלום, זאָגט ער.

איך מוז זיך דאָ מודה זיין, אַז איך, אנכי הקטן, בין גאָר ניט מסכים מיט שמואל ניגערס פּעסימיסטישן בליק, מחמת, איך האַלט, אַז זיינע מסכנות שטימען ניט מיט די פאַקטן פון לעבן.

דער דרך פון אונדזער געשיכטע איז אַזאַ, אַז ליכט און פינצטערניש הערשן צוזאַמען און האָבן געהערשט אין אַלע צייטן און אין אַלע תקופות, אין אַלע תפוצות, אַמעריקע אַריינגערעכנט.

די יידישע לעגענדע דערציילט אונדז, אַז אין טאָג פון חורבן פון בית המקדש איז משיח געבוירן געוואָרן. בטחון טיפער בטחון, אַז דער אמת דאַרף מוז און וועט זיגן, האָט אונדז אָנגעגאָסן מיט מאַוימדיקע כוחות בייצושטיין איבערמענטשלעכע נסיונות. אָן דעם וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן, ניט אַריבער־געטראָגן די בילבולים, די גגישות, די גירושים. אונדזער קיום, אונדזער המשך איז געזיכערט ניט מיט בענקשאַפט — יידישקייט, נאָר מיט פעסטן גלויבן אונדזערן.

מיין טיפסטע איבערצייגונג איז, אַז מיר, אַן אַלט פאָלק, מיט אונדזער פיר טויזנט יאָריקער געשיכטע, מיט אונדזער גייסט און קולטור פאַרוואָרצלט אין יושר, אמת, און צדק, אין חסד, און רחמים, און אַז מיר האָבן אין זיך אַ גרויסן רעזערוואואַר פאַר אַ פּאָזיטיווער יידישקייט. אמת, די מעטאָדן און דער צוגאַנג קאָנען זיך בייטן, אָבער דאָס איז פון דער מינימאַלער וויכטיקייט.

מישט נאָר אויף אַ קאַפּיטל יידישער געשיכטע אין שפּאַניען, מיט אַרום 450 יאָר צוריק. איר וועט דאָ זען, אַז די אנוסים האָבן זיך ניט געקענט טאָטאַל אַסימילירן. זיי זיינען פאַרבליבן איזאָלירט פאַר הונדערטער יאָרן, אָנהאַלטנדיק זייער אידענטיטעט. זיי זיינען געבליבן אַנדערש, ווי דער אַרום, וואָס האָט געזוכט זיי איינצושלינגען, צו אַסימילירן אין זיך.

דאָס זאָגט אונדז, אַז אַזוי וועט אויך זיין אין אַמעריקע. ענדערונגען וועלן פאַרקומען, אָבער נאָר ענדערונגען. און מיר זעען עס פאַר אונדזערע אויגן. אָט קוקט זיך צו און טראַכט זיך אריין:

א) די קאָנסאָלידאַציע פון דער סינאַגאָגע, ווי דער צענטער פון יידישן לעבן, די פאַרשטאַרקונג פון רעליגיעזן איינשטעל אין שייכות מיט דער אַלגע־מיינער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

ב) די באַוועגונג און דער אופן פון התישבות פון דער יונגער יידישער באַפעלקערונג אין די פאָרשטעט.

ג) דער באַדייטנדיקער אויפשטייג פון עקאָנאָמישן מצב פון אַמעריקאַנעם יידנטום און דער וואַקסנדיקער קאָנסערוואַטיזם אין וועלט באַנעם זייערן.

ד) די ענדערונג אין דער אָפּשאַצונג אין דער ראָל פון די פעדעראַציעס און אַנדערע צדקה־פאָנדן־אַגענטורן אין דער יידישער קהילה.

איך בין ניט קיין סאָציאָלאָג, ניט פאַר מיר אָנצואווייזן אויף אַלע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען די אַלע ענדערונגען, איך זע זיי אָבער, באַטראַכט זיי, און שטודיר זיי, צוקוקנדיק זיך צום לעבן, שמועסנדיק מיט יידן, מיט מאַסן יידן, מיט עמך יידן. די ענדערונגען ווייזן, אַז עס שמעלצט זיך אַ יידישקייט וואָס וועט אין זיך, אין תוך, זיין ענלעך צו דער פּאָזיטיווער יידישקייט.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער סינאַגאָגע, ווי דער צענטער פון דער יידישער קהילה, און דער וואוקס פון דער צאָל סינאַגאָגעס באַדייט בשום אופן ניט, אַז דאָס איז אַ סימן פון אַ רעליגיעזער דערוואַכונג.

אסקאר הענדלין ווייזט אָן אין זיין בוך איבער אַמעריקאַנעם יידנטום, אַז יידן גייען ניט אין דער סינאַגאָגע אויס רעליגיעזער פרומקייט. יידן שליסן זיך אָן אין דער סינאַגאָגע, ווייל עס איז אַמעריקאַניש צו געהערן צו אַ רעליגי־עזער אינסטיטוציע, אַנדערע זוכן אין דער סינאַגאָגע אַ מקור פון אַוטאָריטעט, מחמת דער איצטיקער אַלגעמיינער קאָנפוזיע און צעטומלעניש. פאַראַן אויך אַזוינע וואָס זוכן אין דער סינאַגאָגע אַ ישועה פאַר זייערע אָנגעשטרענגטע נערוון, אַ גייסטיקע מנוחה, וואָס זיינען די קאָנסעקווענטן פון דער יידישער דערציאונג אין אַמעריקע. און זעט די סתירות:

1) אַ אומגעהויער אויפשטייג פון דער סינאַגאָגע שול און די פאַראַלעלע ירידה פון דער תלמוד תורה, אָדער פון די יידישע שולן.

2) אַ באַדייטנדיקער אויפשטייג פון דער השפעה פון דעם רב, פון דעם ראַביי אין קהלשן לעבן און די פאַראַלעלע ירידה פון דער השפעה פון די לערער און דערציער.

מיטגלידער פון דער קהילה ווענדן אַן דעם פּראָטעסטאַנטישן און קאַטוילישן צוגאַנג, וואָס לויט אים רעפּרעזענטירט דער רעליגיעזער פירער דעם ציבור און זיין מיינונג איז דעצידירנדיק אין ענינים ניט נאָר פון דערציאונג, נאָר פון דעם גאַנצן גייסטיקן לעבן פון דעם אַרום.

מיר זענען קלאָר, אַז די יידישע דערציאונג אין אַמעריקע ווערט אַלץ וויניקער נאַציאָנאַל און אַלץ מער רעליגיעז. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל איז דער ראַביי דער אַווטאָריטעט אין אַלץ, אָבער דאָס פּראָבלעם און די ענדע־רונגען אין כאַראַקטער און אין באַציאונגען צו וועלט און מענטש, איז ניט נאָר אַ יידיש פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם איז אוניווערסאַל.

מחמת די גרויסע אַטים־פאַרכאַפנדיקע, שנעלע ענדערונגען אין אונדזער ציוויליזאַציע, אויף אַלע געביטן, איז די יוגנט אומרואיק, זוכעריש, אימפּולסיוו, אַגרעסיוו, דאָס אַלטע יידיש ווערטל, אַז ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך איז נאָך היינט אַ שטיק אמת.

אונדזערע גרויסע האָפנונגען לייגן מיר אויף די פאָרשונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט אין און פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אויף די פאָר־שונגען, וואָס וועלן ווייזן די שטימונגען, די אַספּיראַציעס, די נייגונגען די באַציאונגען פון אונדזער יוגנט צו פּראָבלעמען, וואָס שטייען ברומו של עולם אין אונדזער יידיש לעבן. אפשר (און מיר בויען אויף דעם), וועלן די אונטער־זוכונגען אַרויסברענגען די סיבות, די מקרות פון די שטימונגען, וואָס שרעקן אונדז, אַט ווי אַ דאָקטאָר געפינט אויס די סיבות פון אַ חולאת. אונדזער האָפ־נונג איז, אַז ווען דער רעצעפּט וועט פאַרשריבן ווערן, וועלן אונדזערע יידישע פירער זיך בעמען פאַר די מיטלען, וואָס דאַרפן העלפן אונדזערע יוגנטלעכע צו ווערן יידיש־באַוואוסטזיניק, זיי זאָלן ווידער, ווי מיט אַ דור צוריק, זיך לאָזן זען און הערן אין אונדזער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט זייער יוגנטלעכן ברען, מיט זייער התלהבות לטובת זיך אַליין, און ממילא לטובת אונדזער יידישער קולטור, אונדזער פאָלק ישראל.

---

# משה יונה חיימאָוויץ ע״ה

מ. י. חיימאָוויץ, דערציילער און עסייאיסט, איז דעם 13טן יוני, אין עלטער פון 77 יאָר נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק. יונה חיימאָוויץ איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1902 און האָט אָנגעהייבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט זייער פרי. זיינע דערציילונגען און עסייען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל און אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. ער איז דער מחבר פון עטלעכע ביכער, צווישן זיי אַ ראָמאַן „די היים", „וועגן לעבן פון דער יידישער אינ־טעליגענץ אין אַמעריקע". אויך אַ גרויסע דערציילונג „אַרום דעם מאַן פון נצרת".

כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## אינטימער צוזאַמענטרעף מיט דעם נאָוועליסט ב. דעמבלין פון שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון״

דער באַוואוסטער נאָוועליסט ב. דעמבלין איז געווען דער גאַסט פון דעם שרייבער קרייז אין ל. א. ביים זשורנאַל „חשבון״, דאָנ. אָוו. 15טן מאַי. ביי דער ליטעראַרישער מסיבה זיינען אויך געווען אַ צאָל קולטור טוער, צווישן זיי אויך דער חשוב׳ער שריפטשטעלער און געלערנטער אברהם גאָלאמב, וועלכער איז געווען דאָ צו גאַסט אויף אַ קורצן וויזיט. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטער שמועס וועגן דעם איצטיקן יידישן קולטור מצב בכלל און וועגן אונדזער היגער יידיש־יידישער פּערעפּעריע בפרט. ס׳האָבן אַנטייל גענומען אין שמועס די קאָלעגן: מלכה טוזמאַן, נח גאָלדבערג, פ. בערמאַן, ז. בינין, יצחק ניומאַן און די חשובע געסט א. גאָלאמב און ב. דעמבלין.

דעמבלין איז דער מחבר פון א צאָל נאָוועלן: „אויפן שוועל״, 1932; „וועסט סייד״, 1936; „צוויי און אַ דריטער״, 1938; „ערב נאַכט״, פּרעמירט פון לאַמעד פאָנד, 1954 און „צאַנקנדיקע ליכט״, 1958.

## א היימישער צוזאַמענקום מיט דעם דיכטער און בעלעטריסט חיים גראַדע

אין ביבליאָטעק פון יידישן קולטור קלוב, דאָנ. אָוו. 29טן מאַי, האָט דער שרייבער קרייז, ביים זשורנאַל „חשבון״ געהאַט אַ אינטימען שמועס מיטן חשבון דיכטער, מכוח שרייבערישע און ליטעראַרישע ענינים: דער גורל פון יידישן שרייבער אויף דער פּראָווינץ און אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק. ס׳האָבן זיך באַטייליקט די פאָלגענדע קאָלעגן אין די שמועסן: די דיכטערינס מלכה טוזמאַן, ברכה קודלי, דער נאָוועליסט נח גאָלדבערג, די דיכטער פ. בערמאַן, ז. בונין און דער שרייבער יצחק ניומאַן. חיים גראַדע האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן און דערפאַרונגען מכוח די באַרירטע ליטעראַרישע ענינים אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן.ביידע דערמאָנטע ליטעראַרישע מסיבות, מיט די געסט שרייבער זיינען געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון דעם רעדאַקטאָר פון „חשבון״ י. פרידלאַנד.

## חיים גראַדעס אויפטריטן אין לאָס אַנדזשעלעס

במשך די פיר וואָכן (פון 17טן מאַי ביז דעם 15טן יוני), וואָס דער באַרימטער דיכטער חיים גראַדע האָט דאָ געווײלט, האָט די יידיש יידישע לאָס אַנגעלעס איבערגעלעבט טעג פון דערהייבונג און יום טובדיקייט. זיינע אויפטריטן מיט רעפעראַטן ביי די פאַרשיידענע קולטור קרייזן און אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס און באַגייסטערונג. סיי דער קבלת פנים, סיי די לעקציעס ביי די פאַרבאַנד צווייגן; ביים ארב. קאָמיטעט פרויען לייען קרייז; יידישער קולטור קלוב און דער צאתך לשלום, זיינען אַלע געווען גוט באַזוכטע.

דעם קאָונסיל פון נאַצ. ארב פאַרבאַנד קומט באמת אַ יישר כוח פאַר דער דאַנק־באַרער איניציאַטיווע ברייגגן צו אונדז דעם פיינעם דיכטער און לעקטאר חיים גראַדע.

## ש. מיללער ע״ה

מאָנטיק אָוו. דעם 9טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן הזכרה, צו שלושים, נאָך דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער־נאָוועליסט ש. מיללער ע״ה. די הזכרה איז פאָרגעקומען אונטער די השגחה פון אַ קאָמיטעט פון פריינט פון דעם נפטר, אין ל. א. יידישן קולטור קלוב. די באַטייליקטע, מיט איינדרוקספולע נעקראָלאָגן וועגן ש. מיללער זיינען געווען: ש. קאַרפמאַן; יואל וויינשטיין און י. פרידלאַנד. מיט אַ טיף אַנאַליסטישער אָפּשאַצונג וועגן ש. מיללער, דעם מענטש און שריפטשטעלער איז אויפגעטראָטן אונדזער חשוב׳ער גאַסט, דער באַוואוסטער דיכטער חיים גראַדע.

צו די עלטערע תושבים אין ל. א. איז ש. מילער נישט נאָר באַקאַנט אַלס אַ וויכטיקער שריפטשטעלער, בעלעטריסט און עסאייאיסט, נייערט אויך אַ ביז גאָר וויכטיקער און ערנסטער קולטור עסקן. מיר געדענקען דאָ זיין, בלב ונפש, איבערגעבנקייט צום יידישן שול־וועזן אין ל. א. ער האָט משפיע געווען אין דער גרינדונג פון דער דאמאָלסדיקער „קולטור געז.״ און די שלום עליכם שולן. צו זיין וואָרט האָט מען זיך גערן צוגעהערט, מחמת ס׳איז געווען דורכגעדרונגען מיט טיפער חכמה און שאַרף־זין. זיין כראָניש־קראַנק זיין, במשך די לעצטע 10־15 יאָר האָט אים געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון גרעסערע קולטורעלע אָדער ליטעראַרישע מסיבות.

במשך די עטלעכע דרייסיק יאָר פון זיין וואוינען אין ל. א. האָט ער זיך דערוואָרבן אַ צאָל געטרייע איבערגעגעבענע פריינט, וואָס זיינען געוואָרן ביי אים, כמעט, טעגלעכע באַזוכער. זיי זיינען געוואָרן ניט נאָר זיינע פאַרהערער, נייערט טאָקע באמת הייסע חסידים זיינע. די פאַרהערונג צו אים האָט זיך אויסגעדריקט ניט אין ווערטער, נאָר טאַקע אין ערלעכע אַקטועלע מעשים. פון די 11 בענד דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס ער האָט אונדז איבער־געלאָזט, ווי אַ גרויסע ליטעראַרישע ירושה, זיינען 10 פון זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם ל. א. ש. מילער בוך קאָמיטעט, באַשטייענדיק סרוב פון זיינע פריינט און חברים.

ש. מילער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1895 אין אַ דאָרף פּיליפּאָוויטש, וואָלין. געלערנט אין זוויהלישער ישיבה. צו 13 יאָר איז ער שוין געווען אַן עקסטערן און צו 18 יאָר האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זינט 1917 האָט ער אָנגעהייבן דרוקן דערציילונגען אין דער „פ. א. ש.״; „יידישער קעמ־פער״; „די צייט״; „שיקאַגער אַרבעטער וועלט״; „צוקונפט״. לעצטנס אין דער „גאָלדענער קייט״ א. א.

די יידישע ליטעראַטור האָט אין ש. מיללערן פאַרלוירן אַ קרעפטיקן און פּראָדוקטיוו־שעפערישן שריפטשטעלער. כבוד זיין הייליקן אנדענק.

# דערהאַלטענע ביכער

**מנשה אונגער**: „חסידות און יום טוב". אַ געקליבענע זאַמלונג פון חסידישע מעשית, ווערטעלעך און חכמה׳לעך, וואָס שפּיגלען אָפּ צום שאַרפסטן די ווערטן פון דער חסידישער באַוועגונג. דער ספר האָט אַן אַריינפיר פון מחבר און אויך נאָטן פון די נגונים, פאַרשריבן פון באַוואוסטן יידישן קאָמפּאָזיטאָר מיכאל געלבערד. „חסידות און יום טוב" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ בוך קאָמיטעט פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1958; 344 ז״ז.

* * *

**אלף כּץ**. „חלום עליכם" (שפּיל און לידער) צייכנט זיך אויס מיט דער לירישקייט פון די לידער און די טשיקאַווע סיפור מעשיות וואָס פאַראינטריגירן דעם לייענער פון זייער שפּילעוודיקייט. פאַרלאַג, מדינת יידיש. 160 ז״ז. דערשינען צום 60טן געבוירן־טאָג פון מחבר. הויפּט פאַרקויף ציקא ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק.

* * *

**שלמה דמשק**: „אין גערוּאַנגל פאַרן לעבן" (שפּיטאָל בלעטער). אינטערעסאַנטע קורצע דערציילונגען פון מענטשלעכע ליידן, אָבער אויך ליכטיקע מאָמענטן. געשריבן ערלעך און מיט חשיבות צום מין מענטש. „אין גערוּאַנגל פאַרן לעבן" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון תלמידים און פריינט פון מחבר. ניו־יאָרק, 188 ז״ז.

* * *

**משה דלוזשנאָווסקי**: „הארבסט אין ווייגאָרטן"; דערציילונגען און דראַמעס. די דראַמע „די איינזאַמע שיף" איז דערפאָלגרייך אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט אין יידיש און אין ענגליש. „הארבסט אין ווייגאָרטן" איז דערשינען אין פאַרלאַג „ייד־בוך", בוענאָס איירעס, 1956, 321 ז״ז.

---

## „מיין לעקסיקאָן" פון מלך ראַוויטש דערשינען

דאָס איז דאָס דריטע בוך פון מ. ראַוויטש, וואָס דערשיינט אונטער דעם זעלבן טיטל „מיין לעקסיקאָן". דאָס זענען קורצע און אינטימע כאַראַקטעריסטיקעס פון שרייבערס, און נאָך אַזעלכע, וואָס דער מחבר האָט פּערזענלעך געקענט. די ערשטע צוויי בענד, וואָס אַנטהאַלטן אַרום 220 כאַראַקטעריסטיקעס פון יידישע שרייבער אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, זיינען דערשינען אין מאָנטרעאָל 1945 און 1947.

דער איצטיגער באַנד האָלט 500 זייטן און 156 פּען־פּראָפּילן פון יידישע און העברעאישע שרייבערס אין מדינת ישראל, וואו מ. ראַוויטש האָט די לעצטע צוויי יאָר געוואוינט. איר האָט דאָ פּאָרטרעטן פון די סאַמע עלטסטע ביז די סאַמע אינגסטע שרייבערס. אָנהייבנדיק מיט דעם דעקאַן פון די יידישע שרייבער

אין מדינת ישראל, דוד פּינסקי, ביז יאָסל בירשטיין פון דער גרופּע „יונג ישראל", וואָס איז אין זיינע דרייסיקער.

דאָס בוך „מיין לעקסיקאָן" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון פריינט אין מאָנטרעאָל — אַלס אַ יידיש ליטעראַרישער בייטראַג צום חג העשור.

זע אין דעם נומער „אַ פּען פּראָפיל פון חיים גראַדע (רעד.).

## מלכה חפץ טוזמאַן

שוין דערשינען אַ נייער בוך לידער פון דער באַוואוסטער טאַלאַנטירטער דיכטערין מלכה חפץ-טוזמאַן אונטער דעם טיטל: „מילד מיין ווילד".

ס'איז דאָס צווייטע בוך פון דער חשוב'ער דיכטערין און ס'איז פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן.

דאָס בוך האַלט 120 זייטן מיט אַ צאָל געקליבענע לירישע לידער. אַרויסגעגעבן פון דעם מלכה חפץ-טוזמאַן בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס. צו באַקומען ביים סעקרעטאַר פון קאָמיטעט: י. מ. גאָלדבערג.

6112 Temple Hill Dr., Los Angeles 28, Calif. Phone: HO 9-6447

**„אויף צעוואָרפענע וועגן"** פון נח גאָלדבערג איז דאָס דריטע בוך פון דעם מחבר. שיין אַרויסגעגעבן, אנטהאלט 23 דערציילונגען פון דער אַלטער היים און פון אַמעריקע. אַרויסגעגעבן פון אַ בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס, ביים פאַרלאַג „ייד-בוך" אין בוענאָס-איירעס. 1958. צו באַקומען ביים מחבר:

908 S. Normandie Ave., Los Angeles, Calif.

**אבא קליגער**: „דער וועג צו לייטערונג" (בודהא לערנט) אמת'ן, מעשים, וויסן און זעהונגען פון אַלטצייטיקע חכמים, וואָס לייטערן דעם מענטשן, איז דער תוכן פון דעם ספר. דאָס בוך איז צובאַקומען אין דעם ציקא פאַרלאַג, ניו-יאָרק. דערשינען 1958. 208 ז"ז.

**ב. דיימאַנדשטיין**: „עסייען" איבער שרייבער, ווי איך האָב זיי געקענט. פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן", טאַהאַנגאַ, 1957, קאַליפ. 200 ז"ז.

**מרדכי וו. בערנשטיין**: „דער ספר — אונדזער פאָן"; מאָנאָגראַפיעס צו דער געשיכטע פיר הונדערט פופציק יאָר פון יידישן דרוק-וועזן. ביבליאָטעק „ביכער וועלט". 62 ז"ז.

---

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„אַרגענטינער ביימעלעך", אילוסטרירטע ליט. בלעטער", „שריפטן", בוענאָס-איירעס, „יונג ישראל", „היימיש", ישראל „זיין", „ווייטער", „אויפסניי" „אויפן שוועל". ניו-יאָרק, „פריילאַנד", פּאַריז; „די שטימע", „דער וועג", „מעקסיקאַנער בלעטער", מעקסיקע.

# 32 יאָר ל. א. יידישער קולטור קלוב

דעם היינטיקן ראש השנה תש״יח איז געוואָרן 32 יאָר זינט דער קולטור קלוב האָט זיך געגרינדעט. זיכער וואָלט מען געקענט א סך דערציילן וועגן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון קולטור קלוב; זיינע ראַנגלענישן און נסיונות, כדי צו קענען אויסהאַלטן אַ 32 יאָריקן עקזיסטענץ ווי אַן איבער־פּאַרטייאישער קולטור אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן שוין אַפּאָר מאָל געגעבן און פּרטימדיק געשריבן וועגן דעם אין אונדזערע יובלים אויסגאַבעס. גענוג איבערצולייענען די רשימה פון די דורכגעפירטע ליטעראַריש קונסטלערישע שבת־צונאַכטן און קולטורעלע מאַנטיקן במשך דעם לעצטן זמן בלויז, און ס'וואָלט אייך געגעבן אַ קלאָר בילד פון דער פאַרצווייגטער און אַלזייטיקער קולטור טעטיקייט מיט וועלכע דער קולטור קלוב האָט זיך אָפּגעגעבן:

36 שבת־צונאַכטן ביי וועלכע אַ גרויסער יידישער עולם האָט זיך צוגעהערט צום יידיש קינסטלערישן וואָרט; יידישע מוזיק, יידיש ליד אין אַ ריין יידישער סביבה און אַטמאָספּערע; 32 קולטור מאָנטיקן, ביי וועלכע אַ 4—5 מנינים יידן האָבן זיך צוגעהערט און אַנטייל גענומען אין די שמועסן איבער יידיש געזעלשאַפטלעכע און קולטור ענינים; פייערונגען פון יידישע יום טובים; יובלים און געדענק־אָוונטן פון יידישע שרייבער.

מיר מיינען נישט צו זאָגן, אַז מיר זיינען צופרידן מיט דעם וואָס מיר האָבן שוין געטאָן! מיר ווייסן, אַז ס'איז פאַראַן נאָך פיל צוטאָן אויף דעם קולטור געביט; מיר ווייסן אָבער אויך די מעגלעכקייטן וואָס מיר האָבן, און ווי באַשריינקט מיר זיינען דאָ אין שטאָט אין יידיש גייסטיקע און קינסטלערישע שעפערישע כוחות. אַוודאי לאָזן מיר נישט דורך קיין געלעגנהייט אויפצונעמען און מקרב זיין געסט־קינסטלער, שרייבער און דיכטער, ווען נאָר אַזעלכע קומען צו אונדזערע ברעגן. נאָך אַ מאָמענט וואָס איז ווערט צו אַקצענטירן, וואָס דער קלוב האָט אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל, פאַר ליטעראַטור און קולטור פּראָבלעמען. און מיט דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון דעם שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון" איז עס געוואָרן אַ פערטל־יאָריקע שריפט, וואָס האָט שוין אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין דער יידישער שרייבער וועלט און ביים בעסערן יידישן לייענער.

אַוודאי איז אַזאַ אַרבעט פאַרבונדן מיט אַ סך עקשנות און איבערגעבנקייט צום יידישן קולטור קלוב און צו דער יידישער קולטור בפרט.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויסדריקן אונדזער וואַרעמע אָנערקענונג צום חבר, יעקב ניומאַן, אונדזער פּראָגראַם דירעקטאָר פון די ליטעראַריש־קינסטלערישע שבת־צונאַכטן; חבר בען צוקערמאַן, פאַר צו צוגרייטן די קולטור מאָנטיקן; חבר נ. אַזאַלין, אונדזער געטריי איבערגעגעבענעם ביבליאָטעקער; דעם גאַנצן אַקטיוו, אַלע חברים און חברות און פריינט פון יידישן קולטור קלוב, וואָס נאָר אַ דאַנק זייער מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף זיינען מיר ביכולת

אָנצופירן מיט דער פאַרצוויייגטער קולטור טעטיקייט און אויפהאַלטן אונדזער יידיש־יידישן קולטור צענטער.

מיט גלויבן און בטחון אין דער אַרבעט פאַר דעם המשך פון אונדזער יידישער קולטור, וועלן מיר זיך באַמיען צו גרעסערע דערגרייכונגען הן אין איכות הן אין כמות.

**לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב**

י. פרידלאַנד, פרעזידענט

מ. ל. קאפעלאף, סעקרעטאַר

## באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב פון דעם יאָר תשי"ז — 1957-58

**ה. רויזענבלאַט**
ערן־פרעזידענט

**י. פרידלאנד**
פרעזידענט

**בען צוקערמאַן**
וויצע פרעזידענט

**שמואל ברייגין**
וויצע פאָרזיצער

**מ. ל. קאפעלאָף**
פינאַנץ סעקרעטאַר

**יעקב ניומאַן**
פראָגראם דירעקטאָר

**א. קאַמינקער**
פראָטאָקאָל סעקרעטאר

**א. שוואַרץ**
קאַסירער

**שלמה צוקערמאַן**

**מ. ווינאַרסקי**
פינאַנץ קאָמיטע

**מיני שוואַרץ**
בריוו פאַרוואַלטונג

**סאָפיע קאַטלער**
הויז פאַרוואַלטונג

**א. אָזאָלין**
ביבליאָטעק און אַרכיוו

**א. אייעראָף**
פאַרוואַלטונג צום ל. א.
יידישער קאָמיוניטי קאונסיל

★

**מיטגלידער פון אַקטיוו**

**א. באַביטץ**
**ציליע צוקערמאַן**
**ח. קאטלער**
**ליובא ברייגין**
**מוסי פרידלאנד**
**אניוטא קאפעלאָף**

# אָפּרופן אין דער פּרעסע וועגן ל. א. יידישן קולטור קלוב

אין אַ לענגערן אַרטיקל וועגן יידישן קולטור קלוב, האָט דער באַוואוסטער שריפטשטעלער ה. לאַנג אין „פאָרווערטס" פון דעם 25טן אַפּריל, אַרויסגע־בראַכט פאָלגענדיקע גדאַנקען וועגן ל. א. יידישן קולטור קלוב:

„ערגעץ אַנדערש — שרייבט ער — איז אַזאַ אינסטיטוציע ניטאָ, אַפּילו ניט אין שטעט, וואו יידיש לעבן איז געדיכט מיט אָרגאַניזאַציעס, סענטערס און קולטור גרופּעס. דער ל. א. יידישער קלוב איז „א בן יחיד" מיט זיין סאַמע עקסיסטענץ, דערצו אייגנאַרטיק מיט זיין כאַראַקטער. כ'בין נישט געוואוינט צו נוצן יום־טובדיקע ווערטער סתם אין דער וועלט אַריין. אָבער וועגן דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב, מיין איך, אַז מען קען געברויכן דעם פיינסטן לשון סיי פון דער יידישער טראַדיציע, סיי פון מאָדערנעם יידישן לעבן. עס פּאַסן זיך פּאַר אים די נעמען בית־המדרש און חסידים שטיבל, ליטעראַרישער צענטער און ביבליאָטעק, פרייער פּאָרום מיט סימפּאָזיומס אין יידישן געדאַנק.

פון הינטער זיינע ווענט קומט אַרויס דער קול פון לערנען, באַגלייט פון נגינה, און דער קול אויף יידיש. מע נעמט אויף יידישע דיכטונג ווי די שבת'דיקע הפטורה און תנ"ך. דערמיט אליין איז שוין דער קולטור קלוב אַן אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג פון יידיש גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע, צו וועלכע מע איז אין אַנדערע געמיינדעס ניט דערגאַנגען.

דער יידישער קולטור קלוב האָט געצילט בלויז צו קולטור, צו האַלטן יידישע קולטור זעלבסטשטענדיק פון פּאָליטישע באַוועגונגען, און איז דערמיט געוואָרן ווי אַ מערקווירדיקער אַנזאָג, אַז אין ל. א. זאַמלען זיך חסידים פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער.

בוכשטעבלעך אַלע ווענט פונם יידישן קולטור קלוב זיינען באַהאַנגען מיט בילדער פון די טייטשער אין יידישן געדאַנק, מפרשים פון יידישער טראַ־דיציע, טרוימער פון יידישער דיכטונג, מייסטער פון יידישער נאָוועלע, דראַמע און קריטיק.

און בעת מע לייענט אין קלוב וועמענס אַ ווערק, אָדער מע זינגט וועמענס אַ ליד, אָדער מע האַלט אַ לעקציע וועגן אַ וועלכן יידישן דענקער, שאַפט זיך אַ זעלטענע אַטמאָספערע. אַן איינדרוק, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור הערט זיך איין, אַז די פּאָרטרעטן פון די ווענט קריגן לעבן פון־דאָס־ניי, און זיי באַטייליקן זיך אין דעם, וואָס גייט אָן. זינגט מען, ווידער בציבור, ווערט דער קלוב פאַרוואַנדלט אין אַ געבענטשטער מאָדערנער חסידים שטיבל פּאַר יידישער פּאָעזיע. און דאָס גייט אָן יעדן שבת צונאַכט. די ביבלי־אָטעק איז רייך; און ביכער ליגן דאָרטן ניט ווי שטומע מצבות. מע קומט נאָך ביכער אַ היימצונעמען צום לייענען. כאַראַקטעריסטיש איז פּאַר דער אָרג. פון קלוב דער פּאַקט, וואָס קיינער ביי איר האָט ניט אַ וועלכן פּראָפעסיאָנאַלן אינטערעס: ניט דער קלוב פּרעזידענט י. פרידלאַנד, וועלכער שפּאַצירט אַריין פון צייט צו צייט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דערציילונגען, און וועלכער

רעדאַקטירט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „חשבון״, און ניט דער פּראָגראַם דירעקטאָר יעקב ביומאַן; אויך ניט דער פינאַנץ סעקרעטאַר מ. ל. קאַפּעלאָף. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז אַ מוסטער פון ווידמען זיך צו אַן אמונה — קולטור אויף יידיש, וואָס שליסט ניט אויס יידישע קולטור אויף אַנדערע שפּראַכן.

---

אַ צוויטער יידיש וויכטיקער שריפטשטעלער, יעקב פּאַט, האָט פּאַר־עפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל אין דער „שטימע״ אין מעקסיקאָ, פון שבת דעם 29טן מערץ וועגן לאָס אַנגעלעס. צווישן אַנדערן זאָגט ער: „דאָרט איז אויך פאַראַן אַ יידישער קולטור קלוב צו וועלכן עס געהערן אַלע מינים וועלטלעכע יידן, לעקציעס סימפּאָזיומס, סתם צוזאַמענקומען. זיי געפינען אַלע זייער אָרט אין גרויסן לאָקאַל פון דעם יידישן קולטור קלוב. דער יידישער שרייבער, וואָס קומט אין שטאָט איז דער גאַסט פון יידישן קולטור קלוב. דאָס איז איינע פון די פיינסטע יידישע קולטור אינסטיטוציעס אין שטאָט און אין לאַנד.״

---

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב דריקט אויס זיין האַרציקסטן דאַנק און וואַרעמסטע אַנערקענונג צו די חשוב׳ע שריפטשטעלער ה. לאַנג און יעקב פּאַט, פאַר די אויבן געשריבענע מיינונגען און איינדרוקן פון קולטור קלוב און ברייגנען זיי צום אויפמערק פון דער יידישער עפנטלעכקייט דורך דער יידישער פּרעסע.

פאַרוואַלטונג, ל. א. יידישער קולטור קלוב.

---

# רשימה פון קולטורעלע און לטיעראַרישע שבת-צונאַכטן פון 32טן זמן 58--1957 פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

## 1957

א) שבת אָוו. 7טן סעפּט. איז דורכגעפירט געוואָרן אַ יום־טובדיקער אָוונט לכבוד דעם אָפּשלוס פון דער אַקציע לטובת דעם קולטור קלוב און אויפנעמען דעם טאָפּלנומער 12—11 זשורנאַל „חשבון״. אין פּראָגראַם פון אָוו. זיינען אויפגעטראָטן יואל גערסאַן — געזאַנג; בערטא קעסטנבוים — פּיאַנא; געזאַנג בציבור — כיבוד.

ב) שבת אָוו. 5טער אָקטאָבער. אַ יוסף אָפּאַטאָשו געדענק אָוונט איינגעאָרדנט פון קלוב צוזאַמען מיט דעם ל. א. מלאָווער אָפּאַטאָשו קלוב. ס׳איז אויפ־געטראָטן דוד אָפּאַטאָשו, זלמן זילבערצווייג, איבער אָפּאַטאָשו׳ס שאַפונגען. אַלעקס בערגער און דייוויס — פּאַרזיצער פון אפּאַטאָשו קלוב.

ג) שבת אָוו. 12טער אָקטאָבער. סוכות און שמחת תורה פייערונג. באַטיי־ליקטע: ד״ר דוד ברידזשער, וועגן יום טוב; חזן נתן קאַצמאַן, געזאַנג; מ. ריסקין, פּיאַנא. יום־טובדיקע טישן — פיינער כיבוד.

ד) שבת אָוו. 19טן אָקט. אָפיציעלע דערעפענונג פון 32טן זמן פון קולטור קלוב. פּראָגראַם פון אָוונט: חזן יעקב קעניגסבערג, געזאַנג; ליאָן פּיעלד, פידל; פּינטשע בערמאַן, באַגריסונג; יעקב ביומאַן, פאַרלייזונג; י. פרידלאַנד, דערעפענונגס רעדע צום 32טן זמן פון קולטור קלוב.

ה) שבת אָוו. 26טן אָקט. ליטעראַטור אָוונט לכבוד 50 יאָר ליטעראַריש שאַפן פון ה. לייוויק. באַטייליקטע: מלכה חפץ־טוזמאַן; אברהם זיגלבוים; נתן קאַצמאַן; וו. נאַטאַנסאָן.

ו) שבת אָוו. 2טן נאָוו. סעמינאַר וועגן יידישן חינוך אין לאָס אַנגעלעס מיט דער באַטייליקונג פון פאַרטרעטער פון אַלע ריכטונגען אין יידישן שול־וועזן.

ז) שבת אָוו. 9טער נאָוו. סימפּאָזיום איבער שלום אַש. רעדנער: הערי לאַנג און רבי חיים ווײַנשטיין.

ח) שבת אָוו. 23טער נאָוו. ליטעראַטור אָוו. לכבוד דער דערשיינונג פון גלאַנץ לעילס ניי־בוך „ביים פוס פון בארג". באַטייליקטע: מלכה טוזמאַן; יעקב ביומאַן, פאַרליינונג.

ט) שבת אָוו. 30טער נאָוו. מוזיקאַלישער און ליטעראַרישער אָוו. באַטייליקטע: הערלד גרינבערג, פידל קינסטלער; גלאַריא היגער, פּיאַנא; יצחק רויטבלאַט, רעציטאַציעס.

י) שבת אָוו. 7טער דעצ. משה האַלפּערין געדענק אָוונט. באַטייליקטע: שלמה האָבבערג און אברהם זיגלבוים.

יא) שבת אָוונט 14טער דעצ. אַ טאַשאַ זיידל מוזיקאַלישער קאָנצערט.

יב) שבת אָוונט דעם 21טן דעצ. יערלעכער חנוכה פייערונג. באַטייליקטע: יהושע אלקאַן; פּינטשע בעזמאַן; נח גאָלדבערג; אידיט ניומאַן; פּערל פעדער; מאַטעס דייטש; משה קאַפּעלאָף; סאָפיע קאַטלער; אַניטא שעף.

# 1958

יג) שבת אָוונט 4טן יאַנואַר 1958. רעפעראַט פון רבי ישראל חדש: „די באַדייטונג פון שבת ביים יידישן פאָלק". יעקב ביומאַן, פאַרלעזונג וועגן שבת. זמירות שבת בציבור.

יד) שבת אָוו. דעם 11טן יאַנואַר. דריי־שפּראַכיקער אָוונט: יידיש, העברעאיש און ענגליש. צו דער דערעפענונג פון חודש פאַרן יידישן בוך. באַטייליקטע: פּראָפ. משה ליבמאַן — יידיש; דוד יאַראָסלאַווסקי, העברעאיש; רבי בן־ציון בערגמאַן, ענגליש.

טו) שבת אָוו. דעם 18טן יאַנואַר. אַן אָוונט לכבוד און לטובת דעם יידיש אַלוועלטלעכן קולטור קאָנגרעס. ה. מאַנדלמאַן זיין פאַרטרעטער, האָט רעפעירט וועגן דעם באַרימטן יידישן שרייבער ה. ד. נאָמבערג.

טז) שבת אָוו. דעם 25טן יאַנואַר. אַ יום־טוב און ליטעראַטור אָוונט צו פייערן דאָס געזונט ווערן פון אונדזער חשובן רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „חשבון" חבר י. פרידלאַנד. באַטייליקטע אין אָוונט: מלכה טוזמאַן; וו. נאַטאַנסאָן; א. שוואַרץ; ש. ברייטין. יום־טובדיקע טישן — פיינער כיבוד.

יז) שבת אָוונט 1טן פעברואַר. צו דערעפענונג פון חודש פאַר יידישער מוזיק. מאַרטאַ צייטלין, אין יידישע און העברעאישע פאָלקס לידער. פיאַנא באַ־גלייטונג — אידיט הייסמאַן.

יח) שבת אָוונט דעם 8טן פעב. גדאל זאַלעסקי קאָנצערט — טריאָ מיט אויר־ווינג געלער — פידל; וואָלטער לעסער — פיאַנאָ; גדאל זאַלעסקי — טשעלאָ.

יט) שבת אָוו. דעם 15טן פעב. קונסט אָוונט מיט דער באַרימטער שוישפילערין פון דער הבימה, חיהלע גראָבער. פאָרזיצער, יעקב ניומאַן.

כ) שבת אָוונט 22טן פעברואַר, לכבוד דער דערשיינונג פון נח גאָלדבערגס בוך „אויף צעוואָרפענע וועגן״. באַטייליקטע: מלכה טוזמאַן הערי לאַנג; אברהם זיגלבוים; מענדל עלקין; וו. נאַטאַנסאָן; ז. בונין; י. פריד־לאַנד און דער מחבר.

כא) שבת אָוונט, 1טער מערץ. צום באַזוך פון דער יידישער טעאַטער גרופע אין „עבעל טעאַטער״ יענעם אָוונט, האָט דער קולטור קלוב קיין פראָגראַם ניט דורכגעפירט.

כב) שבת אָוונט דעם 8טן מערץ — טראַדיציאָנאַלער פורים אָוונט. באַטיי־ליקטע: אשר דובין, וועגן יום־טוב; בעלא זאַלקין, מיט פאַסיקע לידער; יעקב ניומאַן, פאַרלעזונגען; געזאַנג בציבור; יום־טובדיקע טישן — כיבוד.

כג) שבת אָוו. דעם 5־טן מערץ. אַ יום־טובדיקער אָוונט לכבוד דעם קולטור עסקן און וויצע פאָרזיצער פון קולטור קלוב, שמואל ברייניני, צו זיין ווערן 80 יאָר יונג. קולטור פראָגראַם — באַגריסונגען און יום־טובדיקע טישן.

כד) שבת אָוו. דעם 22טן מערץ. יערלעכער „ייווא״ אָוונט לטובת דעם „ייווא״. פראָפ. משה ליבמאַן מיט אַ רעפעראַט איבער דער טעמע: „אייגנאַרטיק יידיש דענקן ביי אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי אַלבערט איינשטיין״. יעקב ניומאַן, פאַרלעזונג; חיים שאַפּירא, פאָרזיצער פון „ייווא — באַגריסונג. יערלעכער בייטראַג פון קלוב צום „ייווא״ — 100 דאָלאַר.

כה) שבת אָוונט דעם 29טן מערץ. פייערונג פון 10 יאָר מדינת ישראל. באַ־טייליקטע: די שריפשטעלער, הערי לאַנג און ד״ר חיים ראטבלאט. נייסטע פילמס פון ישראל געוויזן געוואָרן; אידא מרון — פאָלקס זינגערין.

כז) שבת אָוו. 12טער אפּריל: י. ל. פרץ אָוונט. ס. נוטקעוויטש, רעפעראַט; חזן נתן קאַצמאַן, געזאַנג פון פרץ׳ס לידער; יעקב ניומאַן און משה מאַנ־דעלבוים אין אַ סצענע פון י. ל. פרץ׳ס „מקובלים״.

כח) שבת אָוונט 19טער אפּריל. 15טער יזכור־יאָר פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דורכגעפירט פון קולטור קלוב צוזאַמען מיט דעם פאַרבאַנד פון דער שאַרית הפליטה אין ל. א. באַטייליקטע: דערעפענונג, בען גוטענ־שטיין פון דער שארית הפליטה; רבי זאַנדערלינג; יוסף רובענטטיק; חזן קעניגסבערג; יעקב ניומאַן; זיגמונט ליעוו; העלעק נוסבאַם. דער יזכור אָוונט איז געפייערט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד.

כט) שבת אָוונט דעם 26טן אפריל. אַ קינסטלעריש ליטעראַרישער אָוונט און באַנקעט פון די מיטגלידערשאַפט.

ל) שבת אָוו. 3טן מאַי. לכבוד דער דערשיינונג פון דעם נומער 14 זשורנאַל „חשבון". באַטייליקטע: ד"ר חיים ראַטבלאַט; מלכה חפץ־טוזמאַן; יואל גערסאָן, געזאַנג; בערטא גערסאָן, פּיאַניסטין; מ. ל. קאַפּעלאָף, באַגריסונג אין נאָמען פון קולטור קלוב; י. פרידלאַנד, וועגן זשורנאַל „חשבון" און זיין פּערעפּעריע; יעקב ניומאַן, פאָרזיצער פון אָוונט.

לא) שבת אָוונט דעם 10טן מאַי. זלמן זילבערצווייג, רעפעראַט וועגן שלום עליכם; אַלאַן מייקלסאָן, געזאַנג; יעקב ניומאַן, ש„ע פאָרליינונג; י. פרידלאַנד, געלייענט די צוואה פון ש"ע.

לב) שבת אָוו 17טער מאַי. ש. יאַנאָווסקי ליטעראַטור אָוונט, לכבוד די דערשיינונג פון אבא גארדינס ווערק איבער ש. יאַנאָווסקי: זיין לעבן און שאַפן. באַטייליקטע: הערי לאַנג; אליעזר דארין, רעדנער; חנה דרוקער, זינגערין; ראָוז טומען, פּיאַניסטין.

לג) שבת אָוו. דעם 24טן מאַי — אַ שבועות פייערונג. מ. פאגל, וועגן יום־טוב; בעלא זאלקין, יום־טוב לידער; משה מאַנדלבוים, פאָרלעזונג; יעקב ניומאַן — פאָרזיצער פון אָוונט. יום־טובדיקע טישן — פיינער כיבוד.

לד) שבת אָוונט דעם 31טן מאַי. צווייטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ע"ה. אין דער הזכרה האָבן אַנטייל גענומען: פּינטשע בערמאַן, מלכה טוזמאַן און י. פרידלאַנד מיט איינדרוקספולע דערמאַנונגען וועגן דעם באַרימטן דיכטער ה. רויזענבלאַט; בעלא זאַלקין, געזאַנג פון רויזענבלאַטס לידער; לאה ווענדאָרף און יעקב ניומאַן מיט פאָרליינונגען פון רויזענבלאַטס ווערק.

לה) שבת אָוו. דעם 7טן יוני. אַ רעפעראַט פון דעם באַרימטן דיכטער און פּראָזע מייסטער, חיים גראַדע, אויף דער טעמע: „היינטיקע פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור".

לו) שבת אָוונט דעם 14טן יוני. אַ פייערליכער יום־טוב לכבוד דעם 32טן סיום הזמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. באַטייליקטע אין דער פייערונג: י. פרידלאַנד, דערעפענונג; חיים שאַפּירא — באַגריסונג צום אָפּשלוס פון זמן, אָפרא דירון; זינגערין פון ישראל יידישע און העברעאישע לידער; סימע גרין, פּיאַנא; יעקב ניומאַן, פאָרלעזונג און מאַרק קריימער, פידל קינסטלער. יום־טובדיקע טישן — פיינער כיבוד.

